# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**וישב - חנוכה**

מכון
באר האמונה

יו״ל ע״י

**מכון ׳באר האמונה׳**

מכון באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו״ל**

# אינהאלט

## וישב - חנוכה

ויהי איש מצליח - זיך שטאַרקן מיט שמחה און אמונה וועט מען אפי' פון די שווערסטע מצב אַרויסגיין......... א
ועל הניסים ועל המלחמות - דאַנקען דעם אויבערשטן ווייל אט אט קומט שוין דיין ישועה.............ג
מאשפות ירים אביון - פון די נידריגקייט וועט קומען דיין גרויסקייט ............................ ה
מלבין פני חבירו - דער האַרבקייט פון פאַרשעמען אַ צווייטן ........................................ז
והכינו את אשר יביאו - די השפעות קומען נאר ווען עס איז דא אַ ריכטיגע הכנה ..................... ט
מאי חנוכה - וויסן די גרויסקייט פון די טעג און עס אויסניצן ריכטיג ................................. יא
שעשה ניסים - די סגולות פון די חנוכה טעג .............................................. טו
מעוז צור ישועתי - די גרויסע עת רצון ביי הדלקת הנרות .......................................כא
כי בא אורך קומי אורי - שבת חנוכה......................................................כז

# וישב - חנוכה

**ויהי איש מצליח - זיך שטאַרקן מיט שמחה און אמונה וועט מען אפי' פון די שווערסטע מצב אַרויסגיין**

ויהי ה' את יוסף, ויהי איש מצליח. ויהי בבית אדוניו המצרי (לט, ב).

**זאָגט** דער "כתב סופר" זצ"ל (שו"ת כתב סופר, או"ח סי' כז) אַ כוונה אין פסוק, לויט ווי די גמרא זאָגט (שבת ל:) "אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה", די שכינה רוהט נישט אויפ'ן מענטש, נאָר ווען ער איז בשמחה. דאַרף מען פאַרשטיין, צו דען זענען דעם אויבערשטען'ס מעשים ווי די מעשים פון אַ בשר ודם, וואָס ער קען נישט פאַרטראָגן איינעם וואָס האָט אַ צובראָכן האַרץ, און גייט אַרום מיט אַ 'פאַרזויערט' פנים? אדרבה, דער אויבערשטער איז דאָך "שוכן את דכא", ער רוהט צווישן די מענטשן וואָס האָבן אַ צובראָכן האַרץ.

**ענטפערט** דער "כתב סופר", אַז דער מענטש וואָס האָט אמת'ע אמונה, ווערט קיינמאָל נישט צעטומלט און פאַרוויטאָגט אויב עס פאַסירט מיט איהם אַ מקרה ח"ו. אויב דער מענטש קרעכצט, איז אַ סימן אַז עס פעלט איהם נאָך אין אמונה און בטחון.

**אויף** דעם זאָגן די חז"ל אַז די שכינה רוהט נאָר מתוך שמחה, דאָס הייסט, ביי איינער וואָס איז בשמחה ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, און ער ווייסט אַז "כל מה דעביד רחמנא, לטב עביד", כאָטש ער זעהט נישט קלאָר מיט זיינע אויגן ווי אַלעס איז גוט.

**זאָגט** דער "כתב סופר" ווייטער, אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק "ויהי ה' את יוסף". "ויהי" איז אַ לשון פון צער (עי' מגילה י:). דער פסוק איז מרמז, אַז אפילו בעת די צרה און צער ח"ו האָט דער אויבערשטער געמאַכט רוהען זיין שכינה אויף יוסף הצדיק, ווייל ער איז שטענדיג געווען בשמחה. ווי אַזוי האָט יוסף געקענט זיין בשמחה, אין אַ צייט ווען ער האָט געליטן צרות? איז דער תירוץ, ווייל ער האָט געטראַכט אַז ער איז אַן "איש מצליח", אפי' דעמאָלטס ווען "ויהי בבית אדוניו המצרי", וויבאַלד ער האָט געגלייבט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, עס זאָל איהם שפעטער גוט זיין, און ממילא האָט יוסף אָנגענומען אַלעס מיט ליבשאַפט און ער איז געווען בשמחה, און דעריבער האָט ער זוכה געווען צו השראת השכינה - "ויהי ה' את יוסף".

**אין** זכות פון אמונה, גייט דער מענטש אַרויס פון אַלע זיינע ענגשאַפטן, ווי דער "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט (ס' 'ליקוטי הרי"ם', אָנהייב פ' וישב) אויף די ווערטער פון חז"ל (מד"ר פד, ה) "וישב יעקב", רבי חוניא האָט געזאָגט, עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס איז געגאַנגען אויפ'ן וועג, און פלוצלינג האָט ער געזעהן אַ סאַך הינט און ער האָט מורא געהאַט פון זיי, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צווישן זיי. אַזוי אויך יעקב אבינו ע"ה, ווען ער האָט געזעהן עשו און זיינע "אלופים", האָט ער מורא געהאַט פון זיי, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן זיי.

**פרעגט** דער 'חידושי הרי"ם', אַדרבה, אויב ער האָט מורא געהאַט פון זיי, פאַרוואָס האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צווישן זיי, און איז נישט געגאַנגען צו אַ אַנדערע פלאַץ, צו זיין ווייט פון זיי?

**ענטפערט** דער 'חידושי הרי"ם', אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוויסט און געגלייבט אַז אַ מענטש קען נישט גיין קעגן דעם רצון הבורא, וואָס געוועלטיגט אויף די גאַנצע וועלט און ער פירט אַלעס. דער מענטש האָט נאָר איין עצה: זיך צו שטאַרקן מיט אמונה שלימה, און אַזוי טוט דער אויבערשטער זיס מאַכן פאַר איהם די צרה און ער איז עס מבטל. דעריבער, ווען יעקב האָט געזעהן אַלע "אלופים", איז ער נישט אַנטלאָפן פון זיי, נאָר אדרבה, "וישב יעקב", מיט ישוב הדעת, ווי אַ מענטש וואָס זעצט זיך אַוועק פון זיין אייגענעם ווילן צווישן די הינט אָן מורא, און מיט דעם איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון עשו און זיינע "אלופים", וואָס זענען אויך מרמז אויפ'ן יצר הרע און די נסיונות וואָס ער שטעלט אונטער פאַר'ן מענטש, און ער האָט אויפגעשטעלט כלל ישראל.

**נאָך** שטערקערע רייד, שרייבט הרה"ק רבי יאַנקעלע ראַדזימינער זי"ע, אין ספה"ק "ביכורי אביב" אויפ'ן

פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לז, לב-לג) "וישלחו את כתונת הפסים ויביאו אל אביהם ויאמרו, זאת מצאנו, הכר נא הכתונת בנך הוא אם לא. ויכירה, ויאמר כתונת בני, חיה רעה אכלתהו, טרוף טורף יוסף".

**זאָגט** דער ראַדזימינער, אַז די שבטים האָבן ספּעציעל איינגעטינקען יוסף'ס העמדל אין בלוט, כדי יעקב אבינו ע"ה זאָל זיך מייאש זיין צו זוכן יוסף'ן, און צו בעטן דעם אויבערשטען אַז ער זאָל צוריקקומען אַהיים. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב יעקב וועט מיינען אַז יוסף לעבט, וועט ער זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז יוסף וועט צוריקקומען אַהיים, און דער מענטש וואָס האָט בטחון, העלפט איהם דער אויבערשטער אַז עס זאָל איהם נישט פעלן די זאַך וואָס ער קוקט אַרויס דערויף, און אַוודאי יעקב אבינו ע"ה, וואָלט מיט זיין גרויסן בטחון אין באַשעפער, געבערענגט דערצו אַז יוסף זאָל טאַקע פאַרלאָזן מצרים און צוריקקומען אַהיים צום טאַטן יעקב, מיט זיין גאַנצן גוף און נשמה. די שבטים האָבן דאָך אָבער נישט געוואָלט אַז יוסף זאָל אַהיימקומען צו יעקב, אויס מורא אַז ער וועט דערציילן פאַר זייער פאָטער אַז זיי האָבן איהם פאַרקויפט, דעריבער האָבן זיי געזאָגט צו יעקב, "חיה רעה אכלתהו", און כדי איהם צוריקצוברענגען, דאַרף מען האָבן "תחיית המתים", און אַזוי וועט יעקב אויפהערן מתפלל זיין און זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטען אַז יוסף וועט צוריקקומען אַהיים, און ממילא, וועט יעקב נישט אויסגעפינען אַז זיי האָבן איהם פאַרקויפט.

[**ענדליבע** ווערטער זאָגט דער איזשביצער רבי, הרה"ק רבי מרדכי יוסף זי"ע ("בית יעקב", וישב, לו) לגבי דעם ענין פון תפלה, אַז די שבטים האָבן געוויסט אַז אויב יעקב וועט וויסן אַז יוסף לעבט, וועט ער איהם צוריקברענגען אַהיים מיט'ן כח התפילה, וועגן דעם האָבן זיי געזאָגט "טרוף טורף יוסף", כדי יעקב זאָל זיך מייאש זיין פון מתפלל זיין אויף איהם, און אַזוי וועט יוסף פאַרבלייבן אין גלות אין מצרים].

**דאָס** אַלעס איז דערפאַר, ווייל דער אויבערשטער צאָלט שכר פאַר די וואָס האָבן באמת בטחון אין איהם, ווי רש"י ז"ל זאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים נ, טו) "וקראני ביום צרה אחלצך ותכבדני", "שזהו כבודי, שאושיע את הבוטחים בי", דאָס איז מיין כבוד, אַז איך זאָל העלפן די מענטשן וואָס פאַרזיכערן זיך אויף מיר. פון דאָ זעהען מיר, אַז יעדער מענטש וואָס האָט בטחון אינעם באַשעפער, העלפט איהם דער אויבערשטער אין אַלע זיינע ענינים, ווייל דאָס איז דעם אויבערשטען'ס כבוד.

**עס** שטייט אין ספה"ק "שפת אמת" (פרשתינו, שנת תרל"ד) אַז דורך דעם וואָס יוסף איז פאַרשעמט געוואָרן פון די שבטים ווען זיי האָבן איהם אויסגעטוהן זיין זיידן העמדל, און ער האָט נישט נאָכגעקלערט נאָך די וועגן פונעם באַשעפער ברוך הוא, נאָר געגלייבט אַז אַלעס איז צום גוטן, האָט ער זוכה געווען צו סייעתא דשמיא, אַז ער זאָל ניצול ווערן פונעם נסיון, "וינס ויצא החוצה" (לט, יב), אַז ער זאָל זיך קענען לאָזן פאַרשעמען פאַר'ן באַשעפער'ס וועגן.

**דער** "שפת אמת" פירט אויס: "ויש ללמוד הרבה ממעשיות הללו שבתורה" - מ'קען זיך פיל אַרויסלערנען פון די מעשיות וואָס ווערן דערציילט אין די תורה, ווי אַזוי אָנצונעמען די גאַנצע הנהגה פון באַשעפער מיט שמחה און ליבשאַפט, ווייל ער פירט אַלעס אויף אַ מורא'דיגן אופן, עכל"ק.

**דער** עיקר איז, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש ח"ו, ווי הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע זאָגט ("פרי צדיק", מקץ, ה, עיי"ש), אַז די לעצטע נאַכט וואָס יוסף הצדיק איז געווען אין תפיסה אין מצרים, האָט ער זיך מתבונן געווען איבער זיין מצב, און איז געקומען צום באַשלוס אַז ער אַליין האָט גורם געווען, מיט זיינע מעשים (לויט זיין דרגא) צו דעם אַז ער זאָל זיך געפינען אין תפיסה. פון דעם איז יוסף געוואָרן אַביסל טרויעריג און איז שיער אַריינגעפאַלן אין יאוש ח"ו[א]. ער האָט זיך אָבער באַלד געשטאַרקט מיט בטחון אין באַשעפער,

---

[א] הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע זאָגט אויף דעם פסוק אָנהייב פרשה, "וישב יעקב". דאָס וואָרט ויש"ב באַטרעפט 318, וואָס איז איין נומער מער ווי "יאוש" (317). אונז צו לערנען, אַז אפילו אין זיינע שווערסטע צייטן, האָט יעקב זיך נישט מייאש געווען ח"ו, ער איז שטענדיג געשטאַנען "העכער" פון יאוש...

און מיט אַ גוטע האָפענונג[ב], און אין דעם זכות, האָט ער צומאָרגנס זוכה געווען אַרויסצוגיין פון תפיסה, און צו ווערן אויפגענומען אַלס "משנה למלך" אין מצרים[ג].

**ועל הניסים ועל המלחמות - דאַנקען דעם אויבערשטן ווייל אט אט קומט שוין דיין ישועה**

**די** גמרא זאָגט (שבת כא:) אַז די צייט פון צינדן נר חנוכה איז פון שקיעת החמה, "עד שתכלה רגל מן השוק". זאָגט דער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע (קדושת לוי", קדושה חמישית), אַז "שקיעת החמה" איז מרמז אויף די צייט ווען עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז עס איז איהם פינצטער ח"ו, ווען מ'פירט זיך מיט איהם מיט מדת הדין, אַזוי ווי ביי "שקיעת החמה", ווען די זון גייט אונטער און עס ווערט טונקל אויף דער וועלט. אין אַזאַ צייט, איז שווער פאַר'ן מענטש צו זעהן די הנהגה פון באַשעפער ברוך הוא און זיינע חסדים.

**איז** די עצה פאַר'ן מענטש, ער זאָל צינדן חנוכה לעכט, און אַזוי וועט אַריינשיינען אין איהם די אמונה אין די השגחה פרטית פון באַשעפער אויף דער גאַנצער וועלט צו יעדע צייט, און דאַן וועט ער פאַרשטיין אַז עס איז בכלל נישט דאָ "פינצטערניש" אויף דער וועלט, נאָר לעכטיגקייט.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער "עד שתכלה רגל מן השוק", "שוק" איז מרמז אויף די חיצונים (עי' פרי עץ חיים, שער חנוכה, פ"ד), דאָס הייסט, ער זאָל אָפּטוהן פון זיך די חיצוניות'דיגע מחשבה אַז די וועלט פירט זיך מיט'ן "רגל" פון טבע, וואָס דאָס זענען חיצוניות'דיגע געדאַנקען, און די עצה פונעם יצר הרע.

**עס** שטייט אין ספה"ק "בית אברהם" (ויגש, ד"ה "שיר המעלות", אויפ'ן פסוק (תהלים קכו, א) "שיר המעלות בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים". "היינו כחולמים" איז מרמז אויף יוסף הצדיק, דער "בעל החלומות", וואָס האָט מיטגעמאַכט אַזוי פיל שוועריגקייטן, די ברידער האָבן איהם פאַרקויפט; ער איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שווערן נסיון; און שפּעטער, אין תפיסה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מב, ח) "כל משבריך וגליך עלי עברו", און צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז געווען לטובה, ווי די גמרא זאָגט (שבת י:) אַז איז געווען אָנגעשריבן פאַר יעקב אבינו ע"ה צו גיין קיין מצרים מיט אייזערנע קייטן ח"ו, נאָר אין זכות פון דעם וואָס יוסף איז געגאַנגען פריער, און איז געוואָרן אַ משנה

---

**ב.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לט, כג) "אין שר בית הסוהר רואה את כל מאומה בידו, באשר ה' אתו", דער פאַרוואַלטער פון די תפיסה האָט נישט געזעהן קיין שלעכטע אויפפירונג ביי יוסף, ווייל דער אויבערשטער איז געווען מיט איהם. דאַרף מען פאַרשטיין, און אויב עס וואָלט ח"ו נישט געווען "ה' אתו", וואָלט דער שר בית הסוהר דען יאָ געקענט זעהן עפּעס אַ שלעכטע זאַך ביי יוסף הצדיק, חלילה? נאר עס קען זיין פשט, אַז אויב עס וואָלט נישט געווען "ה' אתו" - יוסף וואָלט נישט "געלעבט מיט'ן באַשעפער", מיט אמת'ע אמונה, וואָלט דער "שר בית הסוהר" שוין געקענט טרעפן אַ בלבול אויף איהם. אָבער וויבאַלד ער האָט געלעבט מיט'ן אויבערשטען, האָט מיט איהם נישט געקענט פּאַסירן שלעכטס ח"ו.

**ג.** הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט (מובא בס' "שפת אמת", חנוכה שנת תרנ"ט, ד"ה "להדליק") אויפ'ן פסוק (תהלים קיב, ז-ח) "נכון לבו בטוח בה', סמוך" – איז די סופי תיבות חנוכ"ה, מרמז צו זיין, אַז דער יום טוב חנוכה ברענגט אַריין אמונה און בטחון אין אידישע קינדער, זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטען אַז ער טוט אַלעס צום גוטן.

אויפ'ן דערמאנטן פסוק "נכון לבו" וגו', זאָגט דער "שפת אמת" אויך (חנוכה תרל"א, ליל ה') אַז די ראשי תיבות פון נ'כון ס'מוך איז נ"ס, אונז צו לערנען, אַז דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך מיט אמונה און בטחון אויף דעם אויבערשטען, איז זוכה צו ניסים.

עס ווערט געברענגט (ספר "משחת שמן", פ' ויצא, ע' רמ"ג) אַז הגאון רבי יוסף היילפּערין זצ"ל פון מאַנשעסטער האָט נאָכגעזאָגט, אַז ער האָט געזעהן אין אַן אַלטן כתב יד, אנשטאט "מכבי", איז געשטאַנען "מקבי" מיט אַן אות ק'. און די ראשי תיבות דערפון איז מ'עולם ק'ווינו ב'ך ה'. די חשמונאים - די מכבים - האָבן אויסגעקריצט אויף זייער פאָן דעם ענין פון בטחון אין דעם אויבערשטען, און נאָר דערפאַר האָבן זיי נישט מורא געהאַט זיך אַרויסצולאָזן אין אַ מלחמה מיט די יוונים, וועלכע זענען געווען מער און מעכטיגער פון זיי - "גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים".

למלך אין מצרים, איז יעקב געקומען קיין מצרים מיט גרויס כבוד. די זעלבע זאַך וועט זיין "בשוב ה' את שיבת ציון", ווען דער אויבערשטער וועט צוריקברענגען אידישע קינדער קיין ארץ ישראל, וועט מען איינזעהן אַז דער גאַנצער גלות מיט אַלע יסורים וואָס זענען פאַרבונדן דערמיט, זענען געווען לטובה. "אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה", אַזוי ווי אַ מענטש וואָס חלומ'ט אין שלאָף און וועקט זיך אויף פונעם חלום ווי ער האָט געזעהן זאַכן וואָס האָבן איהם געברענגט ווייטאָג, אבער ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, איז דער גאַנצער צער פונעם חלום ווי אַ געלעכטער אין זיינע אויגן (איינזעהענדיג אַז עס איז נאָר געווען אַ חלום), אַזוי וועט מען קוקן אויף די צרות וואָס מ'האָט געליטן אין גלות, אין דער צייט פון די גאולה שלימה, עכ"ל[ד].

**מיר** ווייסן דאָך אַז "מעשה אבות סימן לבנים". אַלעס וואָס האָט פאַסירט מיט אונזערע הייליגע אבות, איז אַ סימן פאַר אידישע קינדער אין אַלע דורות.

**אַזוי** זאָגט דער "אור החיים" הקדוש אין דער היינטיגער סדרה (לז, יד) יעקב האָט געשיקט יוסף'ן צו די ברידער, און ער איז פאַרקויפט געוואָרן קיין מצרים. איז שווער, מיר ווייסן דאָך אַז "שלוחי מצוה אינן ניזוקין" (פסחים ח.), ווען אַ מענטש גייט פאַר אַ דבר מצוה, קען איהם נישט אַרויסקומען דערפון אַ שאָדן. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט די מצוה פון כיבוד אב (ווען יעקב האָט איהם געשיקט צו זעהן ווי זיינע ברידער זענען) נישט געשיצט יוסף הצדיק, ער זאָל נישט פאַרקויפט ווערן קיין מצרים?

**ענטפערט** דער "אור החיים" הקדוש, אַז אַ שאָדן וואָס זיין תכלית איז צו מאַכן בעסער פאַר'ן מענטש, און איהם דערהייבן (אזוי ווי יוסף, וואָס איז געוואָרן אַ משנה למלך אין מצרים) הייסט נישט אַ שאָדן. קומט אויס, אַז די זאַך ווערט נישט גערעכנט ווי עס וואָלט איהם פאַסירט אַ "שאָדן" ח"ו. אדרבה, דורך די מכירה איז ער געוואָרן אַ משנה למלך אין מצרים.

**פון** דעם קען יעדער איינער זיך אַראָפּלערנען וויפיל בטחון מ'דאַרף צו האָבן אינעם הייליגן גרויסן באַשעפער. מ'דאַרף וויסן אַז אַלעס וואָס זעהט אויס ווי אַ "שאָדן", האָט אַ תכלית צום גוטן, און עס ווערט גערעכנט ווי ער געפינט זיך שוין יעצט אין די טובה, ווייל עס פירט דאָך איהם צו זיין טובה[ה].

**ד.** דאָס איז אויך מרומז אין פסוק ביים סוף פון ין דער היינטיגער סדרה (מ, כג) "ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו", און דער שר המשקים האָט נישט געדענקט פון יוסף (און זיין ביטע), און ער האָט פאַרגעסן פון איהם. זאָגט דער "לב שמחה" (שנת תדש"מ, בסוף דבריו), און אַזוי שטייט אויך אין "שבט סופר" (פ' מקץ, סוף דיבור הראשון), אַז כאָטש עס האָט אויסגעזעהן בשעת מעשה, ווי אַ שלעכטס פאַר יוסף הצדיק אַז דער שר המשקים האָט פאַרגעסן איהם צו דערמאנען לטובה און איהם אַרויסנעמען פון תפיסה, אָבער למעשה איז אַרויסגעקומען אַ טובה דערפון פאַר יוסף, ווייל אויב ער וואָלט דעמאָלטס אַרויסגעגאַנגען פון תפיסה, וואָלט ער טאַקע געוואָרן פריי, אָבער ווייבאַלד ער איז געבליבן אין תפיסה נאָך צוויי יאָר, האָט מען איהם דערמאנט פאַר פרעה ווען מ'האָט געזוכט עמיצן וואָס זאָלן פותר חלום זיין פאַר פרעה'ן, און דאַן, נישט נאָר וואָס ער איז אַרויס פריי, נאָר ער איז אַפילו געוואָרן באַשטימט אַלס "משנה למלך". ער האָט גאָר אַ סאַך פאַרדינט פון דעם "פאַרבריינגען" נאָך צוויי יאָר אין טורמע.

פון דאָ לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער פירט אַמאָל אַ זאַך וואָס זעהט אויס ווי אַ שלעכטס ח"ו ביים מענטש, און צום סוף איז עס פאַר זיין טובה, ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ביי יוסף הצדיק...

**ה.** אַן עלטערער איד פון די שארית הפליטה, אַ באָבוב'ער חסיד, האָט דערציילט, אַז אין די ביטערע צייט פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווי ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה, זיין ווייב און קינדער, אויך זיין רבי, הרה"ק בעל "קדושת ציון" זי"ע הי"ד איז אומגעקומען אויף קידוש השם, איז ער געווען גאָר שטארק צובראָכן, און האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון צער. איינמאָל האָט ער געזעהן אין חלום זיין רבי'ן, דעם בעל "קדושת ציון", האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר איהם, האָט דער באָבוב'ער איהם געזאָגט:

- דער פסוק זאָגט (דברים יא, יז) "וחרה אף ה' בכם". קען מען זאָגן אַ רמז, אויך ווען עס איז ח"ו אויף דער וועלט "וחרה אף" - אַ חרון אף רח"ל, דאַרף מען געדענקען אַז "ה' בכם" - דער אויבערשטער געפינט זיך צווישן אייך, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים צא, טו) "עמו אנכי בצרה". ער האַלט זיין השגחה פרטית אויף יעדן איד יעדע מינוט פון טאָג.

**אַזוי** זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (דרשות סו.) אַ כוונה אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די חנוכה-טעג, אין "על הניסים": "ועל הניסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל המלחמות". פאַרוואָס דאַנקען מיר דעם אויבערשטען פאַר די מלחמות?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", דער אויבערשטער איז דאָך אַ טוב ומטיב, ער טוט שטענדיג גוטס מיט'ן מענטש, נאָר אָפט מאָל איז דער מענטש נישט ראוי צו די טובה אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן האָבן יסורים קודם. למשל, אזוי ווי גלות מצרים, וואָס איז געקומען פאַר קבלת התורה, און איידער די אידן האָבן באַקומען ארץ ישראל. אויך די צרה פון מלכות יון איז געקומען איידער די אידן האָבן זוכה געווען צו אַ מלוכה און ממשלה אין די צייט פון צווייטן בית המקדש. דאָס זעלבע איז מיט'ן היינטיגן ביטערן גלות, וואָס איז דער "העדר קודם להויה", די צרה קומט פאַר די גוטע זאַכן וואָס די נביאים האָבן אונז געזאָגט נביאות אויף דעם וואָס מיר וועלן זוכה זיין במהרה בימינו אמן.

**גיט-צו** דער "חתם סופר", מורא'דיגע ווערטער: "והקדוש ברוך הוא כביכול מצטער בצרות ישראל", דער אויבערשטער כביכול האָט צער פון די צרות וואָס אידישע קינדער ליידן. און דאָס זענען די שטאַרקייטן פון דעם אויבערשטען, וואָס ער האַלט אויס די צער פון די צרות, כדי צו טוהן גוטס מיט זיי שפּעטער, עכ"ל.

**לויט** דעם קען מען פאַרשטיין ווי ווייט די צרות וואָס אידן ליידן זענען פאַר זייער טובה וועגן, אַז דער אויבערשטער כביכול איז גרייט אַליין צו זיין בצער וויבאַלד ער וויל אויף אונז שפּעטער משפיע זיין אַזוי פיל גוטס. ממילא, דאַרפן מיר דאָך לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר די צרות וואָס ברענגען גוטס, און אויף דעם דאַנקען מיר דעם אויבערשטען פאַר די מלחמות, וואָס האָבן צום סוף געפירט צו די ניסים.

**דאָס** איז געזאָגט פאַר יעדן איינעם פון אונז, לויט זיין מדרגה. אין ביטערן גלות דאַכט זיך אונז אַ סאַך מאָל אַז מ'גייט אַדורך נישט גוטע ענינים, און מיר ליידן טאַקע פאַרשידענע יסורים ל"ע, איינער ליידט פיזיש אין געזונט ח"ו, אַ צווייטע גייסטיש, איינער פּלאָגט זיך מיט פרנסה, און אַנדערע האָבן ליידער צער גידול בנים, א.ד.ג. מען דאַרף זיך אָבער שטאַרקן מיט דעם וואָס מיר האָבן געזעהן אין אַלע דורות, באַלד פון אָנהייב ווען כלל ישראל איז אויפגעבויט געוואָרן, ווי מיר זעהען ביי יוסף הצדיק, אַז צום סוף האָבן אַלע מענטשן איינגעזעהן אַז אַלעס איז געווען לטובה. אַזוי אויך וועלן מיר זוכה זיין צום סוף אַליין צו לאַכן פון זיך, אַז מיר זענען געווען פאַרביטערט פון זאַכן וואָס זענען באמת געווען פאַר אונז אַ טובה, און עס האָט נאָר אויסגעזעהן ווי אַ רעה ח"ו[ו].

### מאשפות ירים אביון - פון די נידריגקייט וועט קומען דיין גרויסקייט

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לז, ב) "ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם", זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (וישב, ד"ה "היה") אַז יעקב אבינו ע"ה

---

די דאָזיגע חיזוק-רייד וואָס ער האָט געהערט אין חלום פון זיין רבי'ן, דעם "קדושת ציון", האָבן אַריינגעבלאָזן אַ גייסט פון לעבן אין זיין פאַרביטערטע נשמה, און ער האָט געקענט בייקומען אַלע שווערע צייטן.

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז סוף שנת תש"ג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים אַן אסיפת הרבנים, וואו עס האָט זיך באַטייליגט אַ איד פון די פליטים, וועלכער האָט באַוויזן זיך קוים אַרויסצוראַטעווען מיט'ן לעבן פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, און ער האָט געשילדערט פאַר די אָנוועזנדע רבנים די ביטערע שוידערליכקייטן וואָס קומען פאַר יעדן טאָג אין אייראָפּע. ווען ער האָט געענדיגט רעדן, האָט ער געזאָגט מיט אַ קרעכץ: "זיי (די רשעים) טוהען און ער (דער אויבערשטער כביכול) שווייגט...".

הערנדיג די ווערטער פון דעם איד, האָט דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, וועלכער איז געווען אָנוועזנד ביי די אסיפה, זיך צעשריגן מיט אַ הויך קול: "זיי טוהען?!... ער טוט!...". ער האָט געמיינט צו זאָגן, דער אויבערשטער פירט דאָך אַלעס מיט אַ חשבון פון אויבן, נאָר נישט אייביג קענען מיר - פשוט'ע בשר ודם'ס, 'קרוצי חומר' - פאַרשטיין זיין הנהגה.

**ו.** אַוודאי איז דאָס זייער שווער בשעת מעשה ווען מ'ליידט די יסורים ל"ע, וואָס דער מענטש שפירט עס ווי אַ נאָדל אין לעבעדיגן פלייש. מיר ווילן נאָר אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז אויב דער מענטש זאָל וויסן בשעת

האָט געשיקט יוסף זיך צו חבר'ן מיט די קינדער פון רחל און לאה, אָבער זיי האָבן איהם דערווייטערט פון זיך, און האָבן איהם געשיקט צו דינען אַלס משרת ביי די קינדער פון די שפחות, בלהה און זלפה. דאָס איז געווען "דיבתם רעה אל אביהם", וואָס יוסף האט דערציילט פאַר זיין טאַטע, אַז זיי טוען איהם אַזוי דערווייטערן.

**זאָגט** דער "חתם סופר", אַז ווען די שבטים האָבן געהערט אַז ער דערציילט פאַר יעקב אַז זיי דערווייטערן איהם, האָבן זיי איהם געזאָגט "המלוך תמלוך עלינו, אם משול תמשול בנו". אויב דו ביזט נישט גרייט צו נעמען אויף זיך די בזיונות, וועסטו נישט קענען זיין אַ קעניג איבער אונז, ווייל מיר האָבן אַ כלל, "מבית האסורים יצא למלוך", די מלוכה שפּראָצט אויף פון די נידריגסטע מדרגה, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיג, ז) "מאשפות ירים אביון". און וועגן דעם האָבן זיי איהם נאָך מער פיינט געהאַט ("ויוסיפו עוד שנוא אותו על חלומותיו ועל דבריו"), ווייל עס איז אַ סתירה, מ'קען קיינמאָל נישט ווערן גרויס און זוכה זיין צו מלוכה,

---

ער געפינט זיך אין דעם פּראָבלעם, אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען ער וועט לאַכן פון זיך אַליין, ווי יענער מענטש וואָס האָט זיך אויפגעוועקט פון אַ שלעכטן חלום... דאַן וועט זיין לייכטער פאַר איהם שוין יעצט אָנצונעמען באהבה ובשמחה אַלעס וואָס ער גייט אַדורך.

על דרך משל, אַ מענטש וואָס אַרבעט שווער ביים שלעפּן שווערע משאות, אָדער ער גייט אַ ווייטן וועג פאַר זיין פרנסה, אָבער ער טוט עס בשמחה, ווייל ער זעהט שוין אין זיין פאַרשטעלונג דאָס געלט וואָס ער וועט אָפּציילן ווען ער וועט באַקומען זיין לוין פונעם בעל הבית. ער פרייט זיך שוין ווען ער דערמאָנט זיך פון די הרחבה וואָס ער וועט האָבן ווען ער וועט ווערן באַצאָלט פאַר די שווערע האָרעוואַניע.

אַ יונגערמאַן האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק רבי שלום קאַמינקער זי"ע, אַז ער ליידט פון שווערע פּראָבלעמען און דאָס לעבן איז איהם זייער ביטער. האָט דער קאַמינקער רב איהם געזאָגט, אַז אַלעס איז לטובה פונעם באַשעפער, וואָס ער איז דער "טוב ומטיב לכל". האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, ווי קען מען זיך אָבער מאַכן נישט וויסנדיג פון די ווירקליכקייט וואָס איז אַזוי ביטער? האָט דער קאַמינקער רב איהם געזאָגט:

- מענטשן וואָס זענען 'מבינים' אויף ביטערע משקאות, לויבן דעם בראָנפן און אַנדערע שאַרפע משקאות, און טרינקען פון דעם אָן אַ צאָל. פון דער צווייטער זייט, סתם אַ מענטש, וואָס וועט פאַרזוכן פון די משקאות, וועט באַלד 'פאַרזויערן' זיין פנים, צוליב די ביטערקייט פונעם בראָנפן. דער 'מבין' וועט איהם אָבער אויפקלערן, ריכטיג טאַקע, אַזוי איז די טבע פון די משקה. איר 'ביטערקייט' ברענגט ביז אַ קורצע צייט צו זיין פריילעך... און ממילא, קענסטו ביים באַלד טרינקען דעם 'ביטערן טראָפּן' שוין שפּירן אַן אויסערגעוועהנליכע 'זיסקייט'...

און דער קאַמינקער רב האָט אויסגעפירט: דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש. ער באַקלאָגט זיך אַז עס איז איהם ביטער אין לעבן. דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל ער איז נישט אַ 'מבין' צו פאַרשטיין ווי זיס עס זענען די וועגן פונעם אויבערשטען. אויב דער מענטש וועט דאָס פאַרשטיין, איז באַלד ביים טרינקען דעם 'ביטערן טראָפּן', פרייט ער זיך שוין...

די ספרים ברענגען אויף דעם אַ משל, אַ מענטש וואָס רייט אויף אַ פערד, און ער קומט אָן צו אַ שיידוועג, ווי ער האָט פאַר זיך צוויי וועגן צו גיין. איין וועג איז פול מיט ליים און בלאָטע, אָבער נאָך אַ קורצן וועג אין די בלאָטע קומט דער גרויסער שאָסיי ("הייוועי"), וואָס איז ברייט און גלאַטיג, און פירט איהם צו זיין ציל. דער צווייטער וועג איז פונקט פאַרקערט, אין אָנהייב איז עס ברייט און באַקוועם, אָבער שפּעטער, דאַרף מען גיין טויזנטער מייל אין די ליים און בלאָטע. וועט דאָך דער רייטער זיכער פירן דאָס פערד אויף דעם וועג וואָס פאַנגט זיך אָן מיט ליים און בלאָטע, און דער נאַרישער פערד וועט זיך ווינדערן, היתכן, מיין בעל הבית, וואָס איז אַזוי "קלוג", פירט מיך אויף אַזאַ שווערן וועג... דער אמת איז אָבער, אַז דער פערד טראַכט אַזוי נאָר דערפאַר ווייל ער איז נישט מער ווי אַ פערד... ער האַלט שטענדיג דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון דער ערד, און דערפאַר זעהט ער נאָר די ליים און בלאָטע. ער באַגרייפט נישט אַז אינגיכן וועט זיך אַלעס טוישן און עס וועט קומען דער גוטער אויסגעפלאַסטערטער וועג. לאָמיר דעריבער זעהן נישט צו זיין ווי דער פערד וואָס מיינט ווען ער זעהט אַביסל שוועריגקייטן, און ער אנערקענט נישט אַז אינגיכן וועט ער געהאָלפן ווערן מיט די גרויסע ישועה.

אויב מ'איז נישט גרייט ערשט אויף שפלות, און צו ליידן בזיונות[ז].

**מלבין פני חבירו - דער האַרבקייט פון פאַרשעמען אַ צווייטן**

**אין** דער היינטיגער סדרה (לח, כה) לייענען מיר וועגן דעם האַרבן ענין פון פאַרשעמען אַ צווייטן, פון די מעשה פון יהודה מיט תמר, וואָס די גמרא זאָגט (סוטה י:) רבי יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי, דער מענטש זאָל זיך ענדערש אַריינוואַרפן אין אַ קאַלך-אויוון ווי איידער צו פאַרשעמען זיין חבר ברבים, און מ'לערנט עס פון תמר, אַז זי האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן וועגן יהודה[ח].

---

**ז.** דאָס לערנען מיר אויך פון די חנוכה לעכט, וואו דער "שמש" שטייט העכער ווי די חנוכה-לעכט, כאָטש בעצם האָט ער דאָך אַ קלענערע חשיבות ווי די אַנדערע לעכט, ווייל ער איז נישט אַ חלק פון די מצוה. דער טעם פאַרוואָס דער "שמש" שטייט העכער ווי די לעכטלעך, זאָגט דער מהרי"ל (הלכות חנוכה, ג) "וסימן, 'לשום שפלים למעלה' (לשון הכתוב איוב ה, יא, עיי"ש), דאָס הייסט, אַז דווקא די 'השפלה' פון מענטש טוט איהם אויפהייבן.

אַזוי זאָגן די ספרים אויך אַ רמז אויף די אותיות וואָס זענען אויסגעקריצט אויפ'ן 'דריידל': נשג"ה ("נס גדול היה שם") ראשי תיבות נ'נס ג'בוה - ה'ר ש'פל. דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין ("ננס"), איז "גבוה", דער אויבערשטער הייבט איהם אויף הויך. "הר" - אָבער דער מענטש וואָס האַלט זיך גרויס, אַזוי ווי אַ באַרג, "שפל" - טוט דער אויבערשטער איהם אַראָפּנידערן.

אויך זאָגן די ספרים, אַז דער מענטש וואָס שפּילט 'דריידל', געווינט נישט, ביז דער 'דריידל' פאַלט אַראָפּ פון זיין אַרומדרייען זיך... דאָס לערנט אונז, אַז נאָר נאָך די "נפילה", קומט די הצלחה און דער נצחון.

**ח.** דער אַסטראָווצער זי"ע פלעגט זאָגן, אַז מ'דאַרף זיך אַ סאַך מתבונן זיין אין דעם לימוד. אויב יהודה וואָלט נישט מודה געווען אַז ער האָט עס געטוהן, וואָלט מען גע'הרג'עט תמר און אירע צוויי קינדער, און פונדעסטוועגן, האָט תמר ענדערש אויסגעוועלט זיך אַריינצוואַרפן אין קאַלך-אויוון, און נישט פאַרשעמען ברבים, אַפילו אַ מענטש וואָס איז גרייט אַז דריי נפשות זאָלן גע'הרג'עט ווערן ח"ו, כדי אָפּצוהיטן זיין אייגענעם כבוד! איז דען דאָ גרעסערס פון דעם? און דייקא פון די דאָזיגע מעשה האָבן די חז"ל אַרויסגעלערנט אַז מ'דאַרף זיך ענדערש לאָזן אַריינוואַרפן אין קאַלך-אויוון אַבי נישט צו פאַרשעמען דעם חבר ברבים.

מענין לענין, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מ, ו) "וירא אותם והנם זועפים", זאָגט רש"י פון מדרש, אַז יעדער איינער האָט גע'חלומ'ט סיי זיין חלום, און זיין חבר'ס פתרון. האָט געפרעגט דער גור'ער רבי, הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע (מיר האָבן עס געהערט פון אַ איד וואָס האָט עס געהערט פונעם "פני מנחם"), גאַנץ רעכט דאָס פנים פון דעם שר המשקים איז געווען פאַרזויערט, ווייל ער האָט דאָך געזעהן דעם פתרון פון דעם חלום פונעם שר האופים, אַז מ'וועט איהם אויפהענגען, און ער האָט מסתמא געטראַכט אַז ס'איז מעגליך אַז אויך ער וועט האָבן אַן ענליכן סוף, אָבער פאַרוואָס איז דער שר האופים געווען טרויעריג? ער האָט דאָך געזעהן דעם פתרון אַז מ'וועט צוריקשטעלן דעם שר המשקים אויף זיין אָרט, איז דאָך מעגליך אַז אויך ער וועט האָבן אַזאַ גוטע ענדע, אַז מ'וועט איהם צוריקשטעלן אויף זיין אַמט? נאָר וואָס דען - האָט דער "פני מנחם" געזאָגט - דער שר האופים האָט נישט געהאַט אַ גוט אויג, און ער האָט נישט געקענט פאַרגינען צו זעהן ווי זיין חבר, דער שר המשקים, ווערט באַפרייט און קערט זיך אום צו זיין פאָסטן. דעריבער, וויבאַלד ער האָט געהאַט אַזאַ שלעכט אויג, האָט ער באַקומען זיין שטראָף.

פון דער צווייטער זייט, האָבן צדיקים געזאָגט, אַז יוסף'ס הצלה און זיין באַפרייאונג פון גרוב, און דאָס וואָס ער איז געוואָרן גרויס צו ווערן דער משנה למלך אין מצרים, דאָס אַלעס איז געווען אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געפרעגט דעם שר המשקים און דעם שר האופים (פרשתינו מ, ז) "מדוע פניכם רעים היום"... ווען אַ מענטש זוכט מחזק צו זיין דעם מוט פון אַ צווייטן מענטש, איז ער זוכה צו ווערן גרויס. פון דעם זעהען מיר, אַז פון איין "גוט וואָרט" פאַר'ן חבר, קען מען ראַטעווען יענעם און זיך אַליין, ביז'ן אָנקומען צו די כסא מלוכה...

דאָס לערנען מיר אויך פונעם יום טוב חנוכה, וואו מ'פירט זיך צו לייגן דעם 'שמש' העכער די לעכט, ווייל מיט'ן 'שמש', צינדט מען דאָך די לעכט (מהרי"ל). דאָ איז מרמז, אַז יעדער וואָס טוט גוטס מיט אַנדערע, אַזוי ווי דער 'שמש' וואָס צינדט אָן אַלע לעכט, איז זוכה צו ווערן 'העכער' ווי זיי...

די מעלה פון שלום, און די שלעכטע מדה פון מחלוקת, קען מען זעהן אויך פון דעם וואָס דער "חתם סופר" זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ד"ה "לך") אויף דעם פסוק (לז, יד) "לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן,

**אויך** געפינען מיר אין די גמרא (ב"מ נט.) אַז דער וואָס פאַרשעמט אַ צווייטן, האָט נישט אַ חלק לעולם הבא.

**זאָגט** אויף דעם דער "פני יהושע", אַז די עבירה פון הלבנת פנים איז האַרבער ווי די עבירה פון רציחה, ווייל די גמרא זאָגט (ב"מ שם) אַז אַלע מענטשן וואָס גייען אין גיהנום קומען אַרויף פון דאָרט נאָך צוועלף חדשים, אויסער דריי, וואָס גייען אַראָפּ אין גיהנום און קומען נישט אַרויף פון דאָרט, און איינער פון זיי איז דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר ברבים[ט] (אָדער ער רופט איהם מיט אַ צו-נאָמען).

**זאָגט** דער "פני יהושע", אַז וויבאַלד די חז"ל נוצן דאָס לשון "כל" היורדין, איז משמע אַז אפילו אַ רוצח וואָס הרג'עט אַ צווייטן איז אין כלל פון די וואָס גייען אַרויף פון גיהנום, און אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט דאָרט די גמרא אַז דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרגאָסן זיין בלוט, דער מלבין פני חבירו איז דאָך האַרבער ווי אַ רוצח, ווייל מ'זעהט דאָך אַז ער קומט נישט אַרויס פון גיהנום.

**ענטפערט** דער "פני יהושע", אַז באמת איז ער טאַקע האַרבער ווי אַ רוצח, און דאָס וואָס די גמרא זאָגט דאָרט "כאילו שופך דמים", מיינט נישט צוזאָגן אַז זיי זענען ביידע גלייך, נאָר אַז אין דעם כלל פון פאַרשעמען איז אויך דאָ דער ענין פון שפיכות דמים, ווייל ווען דער מענטש ווערט פאַרשעמט, גייט אַוועק דער רויטער קאָליר פון זיין פּנים און ער באַקומט אַ בלאַסע קאָליר, אָבער אין הכי נמי, דער מענטש וואָס פאַרשעמט יענעם איז האַרבער ווי רציחה, ווייל ער פאַרשעמט איהם ברבים[י].

**דער** מענטש איז בטבע נאָנט צו זיך, און ממילא, טראַכט ער שטענדיג אַז ער איז חשוב'ער פון יענעם. ער זעהט שטענדיג זיינע אייגענע מעלות, און דעם צווייטן'ס חסרונות[יא]. צוליב דעם טראַכט ער שטענדיג אַז ער קומט פריער ווי יענער. דער אמת איז

---

והשיבני דבר", אַז עס האָט געהערשט אַ גרויסע ברכה אין די שאָף פון יעקב אבינו ע"ה, וויבאַלד די שבטים האָבן געלעבט באחדות איינער מיט'ן אַנדערן (אויסער מיט יוסף), און די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) אַז שלום ברענגט שפע און ברכה. וועגן דעם האָט יעקב געזאָגט צו יוסף: "לך נא ראה את שלום אחיך", גיי און זעה דיינע ברידער, ווי זיי לעבן גוט איינער מיט'ן אנדערן, און ממילא וועסטו קענען פאַרשטיין פאַרוואָס עס איז דאָ אַ ברכה אין די שאָף: "ואת שלום הצאן". אויב די ברידער וואלטן נישט געלעבט באחדות, וואָלט נישט געקענט אַריינקומען אַ ברכה אין די שאָף וואָס זיי פּאַשען...

**ט.** איינמאָל ווען אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, איז געווען ביים כותל המערבי, האָט אַ איד געוואָלט צוגיין און איבערגעבן איהם אַ ספר וואָס ער האָט געדרוקט, מיט'ן כוונה אַז דער רבי זאָל איהם געבן אַ שיינע נתינה דערפאַר... ווען די משמשים האָבן איהם באַמערקט, האָבן זיי איהם פאַרטריבן אַז ער זאָל נישט שטערן דעם רבי'ן אינמיטן זיין הייליגע עבודה ביים כותל. ווען מיין זיידע האָט זיך אויסגעדרייט צוריקצוגיין פון כותל, איז ער געוואָרן אויפגעציטערט ביים באַמערקן פלוצלינג דעם איד ווי ער שטייט פונדערווייטנס און האַלט זיינע ספרים אין האַנט. ער האָט דערפון פאַרשטאַנען אַז יענער מחבר האָט געוואָלט צוקומען צו איהם, נאָר די משמשים האָבן איהם נישט צוגעלאָזט. האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן שטערן און אויסגעשריגן: "זיי זענען מיך אינגאַנצן מבלבל... ווי אַזוי קען מען גורם זיין אַן עגמת נפש פאַר אַ איד?"... ער האָט באַלד באַפוילן פאַר די משמשים צוצולאָזן דעם איד, און אַלס אַ פּיוס, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ שיינע נדבה. דערנאָך האָט דער רבי זיך נאָך אַמאָל געוואַשן די הענט, און איז ווידעראַמאָל צוגעגאַנגען צום כותל מתפלל זיין...

**י.** ס'איז כדאי נאָכצוקוקן אין ספר "מנחת שלמה" פון הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל (ח"א, סוף סי' ד') וואו ער איז מאריך וועגן די האַרבקייט פון פאַרשעמען אַ צווייטן. רבי שלמה זלמן פאַרענטפערט דאָרט פאַרוואָס מיר געפינען נישט אַז מ'האָט מתיר געווען מחלל שבת צו זיין כדי צו ראַטעווען אַ צווייטן פון ווערן פאַרשעמט (עי' שו"ת או"ח סי' ש"ס, סי"ד), און אויב אַזוי, ווי אַזוי איז מען מזלזל אין אַזאַ האַרבע עבירה.

**יא.** אַמאָל ווען הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע איז געגאַנגען קיין ליזענסק צו פּראַווען דעם יום טוב פסח ביים הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, האָט ער געבלאָנדזשעט אין וואַלד, און נישט געוואוסט וואו צו גיין. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מתפלל זיין צום באַשעפער אַז ער זאָל איהם אַרויסנעמען פון זיין קלעם. עטליכע סעקונדעס

אָבער, אַז מיר געפינען אין דער גמרא (פסחים כה:) אַז דער מענטש דאַרף האָבן מסירות נפש, אויב מ'וויל איהם צווינגען עובר צו זיין אויף'ן איסור פון רציחה (און הרג'ענען אַ צווייטן, כדי צו ראַטעווען זיך אַליין). די גמרא זאָגט אַ טעם: "מאי חזית דדמא דידך סומק טפי", וואָס פאַלט דיר איין אַז דיין בלוט איז רויטער ווי יענעמ'ס בלוט... "דילמא דמא דההוא גברא סומק טפי", עס איז דאָך מעגליך אַז יענעמ'ס בלוט איז רויטער ווי דיינס, דאָס הייסט, זיין לעבן איז וויכטיגער און חשוב'ער ווי דיין לעבן, און צוליב דעם טאָרסטו איהם נישט הרג'ענען אפי' אויב דו דאַרפסט זיך מוסר נפש זיין דערפאַר.

**זעהען** מיר פון דאַ, אַז ביים אויבערשטען איז נישט קיין חילוק, יעדער איד - אפילו דער גרעסטער - טאָר זיך נישט ראַטעווען דורך הרג'ענען אַ צווייטן ח"ו, אפי' אויב יענער איז אַ "פחות שבפחותים"[יב].

**והכינו את אשר יביאו - די השפעות קומען נאר ווען עס איז דא אַ ריכטיגע הכנה**

**באַטש** מיר ווייסן אַז חנוכה קומט די שכינה אַראָפּ "למטה מעשרה", נידריגער ווי צען טפחים, כדי אַריינצושיינען אין די נשמה פון יעדן איד אין יעדן מצב וואו ער געפינט זיך[יג], פונדעסטוועגן דאַרפן מיר

---

שפּעטער, האָט ער געזעהן אַן אַלטן מאַן, וועלכער האָט איהם געוויזן דעם וועג אַרויס פון טיף-געדיכטן וואַלד. ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט צו רבי דוד'לען:

- כ'וועל דיך אויסלערנען צוויי זאַכן, וואָס ס'איז כדאי שטענדיג עס צו געדענקען:

א. ווען אַ סטאָלער וויל באַהעפטן צוויי ברעטער, און איינער פון זיי האָט אַ 'בליטה' וואָס שטעקט אַרויס פון האָלץ, איז די עצה צו מאַכן אַ לאָך אין צווייטן ברעט, אנשטאט אָפּצושניידן די 'בליטה' פונעם ערשטן ברעט. אַזוי וועלןביידע ברעטער זיך קענען באַהעפטן און זיין ווי איינס. דאָס לערנט אונז אין טאָג-טעגליכן לעבן, אַז ווען אַ מענטש וויל זיך באַהעפטן מיט אַנדערע מענטשן און לעבן גוט מיט זיי, איז די עצה, ער זאָל מאַכן אין זיך אַליין אַ "לעכל", דאָס הייסט, ער זאָל מוותר זיין פון זיינעם פאַר'ן חבר... און אַזוי וועלן זיי קענען אָנקומען צו אחדות און שלום.

ב. די צווייטע זאַך, אנשטאט אַריינצוטראַכטן אין יענעם, און איהם נאָכקוקן און פאָרשן פאַרוואָס ער האָט געטוהן אַזוי און אַזוי, איז בעסער אַריינצוקוקן אין זיך אַליין...

תיכף ווען דער אַלטער מאַן האָט געענדיגט רעדן, איז ער פאַרשוואונדן פון דאָרט, און רבי דוד'ל האָט איהם מער נישט געזעהן... דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא זכור לטוב. (זעה ספר "שיח שרפי קודש", ח"ב, אות שמא).

**יב.** עס איז געווען אַ כמעט טעגליכע ערשיינונג אין די ביטערע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה, אַז פשוט'ע אָבער ערליכע מענטשן האָבן געפרעגט אַ שאלה ביי רבנים און דיינים, אויב זיי מעגן האָבן מסירות נפש צו ראַטעווען אַנדערע וואָס זענען גרעסער און חשוב'ער ווי זיי, ווייל לויט זייער מיינונג, איז בעסער אַז יענער זאָל בלייבן לעבן, ווייל זיי וועלן גורם זיין אַ גרעסערן נחת רוח פאַר'ן אויבערשטען ווי זיי... אין ספר שאלות ותשובות "מקדשי השם" (קונטרס שער מחמדים, ע' ו') האָט דער ווייצענער רב, הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל, אַ לענגערע תשובה וועגן דעם ענין, עיי"ש.

על כל פנים, זעהען מיר פון דעם ווי אַ מענטש קען זיך אַרויפאַרבעטן צו אַ מדה פון אהבת ישראל מיט מסירות נפש, און אפי' אויב מען פאַרלאַנגט נישט פון אונז מסירות נפש ממש פאַר אַ צווייטן, מעגן מיר כאָטש האָפען צו זיין צווישן די וואָס האָבן אַ גוט אויג צו זיך פרייען ווען אַ צווייטער איז מצליח, אָדער צו פּרובירן העלפן אַן אַנדערן ווען נאָר מעגליך.

**יג.** אַ גרויסער עושר האָט זיך אַמאָל געוואָנדן צום גאון רבי ברוך בער לייבאָוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער קאַמעניצער ישיבה, מיט די ביטע, ער זאָל איהם אָנווייזן אויף אַ גוטן בחור פאַר זיין גרעאָטענע טאָכטער. צוערשט האָט ער גערעדט מיט די הנהלה פון די ישיבה, אָבער נישט קענענדיג באַשליסן וועלכן בחור אויסצואוויילן פון די אַלע בחורים וואָס מ'האָט איהם אָנגעוויזן, האָט ער געפרעגט דעם ראש ישיבה איבער זיין מיינונג, וועלכער בחור ס'איז דער בעסטער און גראָטענסטער אין דער ישיבה.

האָט רבי ברוך בער איהם געענטפערט, אַז באמת זענען אַלע בחורים וואָס לערנען אין דער ישיבה, גוטע בחורים, ווי די חז"ל זאָגן (במדב"ר פכ"א, ב) אַז פונקט ווי דאָס אויסזעהן פון די מענטש איז נישט ענדליך איינער צום אַנדערן,

צוגרייטן אַ "כלי קיבול", צו קענען מקבל זיין די שפע אין דעם לעכטיגן יום טוב חנוכה. מ'דאַרף זיך דעריבער גרייטן ווי עס דאַרף צו זיין צו די טעג פון חנוכה, ווייל עס איז נישט מעגליך משיג צו זיין דעם "אור הגנוז" וואָס איז דאָ אין חנוכה, אָן זיך צוגרייטן ווי געהעריג דעם מח און דאָס האַרץ צו די געהויבענע טעג.

**דער** וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "ישועות משה" זצ"ל, האָט געזאָגט אַ רמז, די ווערטער "מח" און "לב" באַטרעפן 80, אַזוי ווי "הכנה". דאָס מיינט, אַז עס איז נישט דאָ אַ בעסערע צוגרייטונג ווי צוצוגרייטן די צוויי הויפּט-איברים, דעם מח און דאָס האַרץ, צו קענען זיין גרייט אויפצונעמען דעם וואונדערליכן אור וואָס שפּראָצט-אויף אין די חנוכה-טעג. אויב מ'גרייט זיך נישט ריכטיג, קען נאָך מקוים ווערן דער פסוק (אין פרשת מקץ) וואָס מיר לייענען יעדעס יאָר אין די טעג פון חנוכה, "ולא נודע כי באו אל קרבינה, ומראין רע כבתחילה" (בראשית מא, כא).

**נישט** אומזיסט זאָגט דער "שלטי גבורים" אויף הגהות מרדכי (סוף פרק במה מדליקין) אַ רמז אויף די חנוכה טעג, אין דעם פסוק (בראשית מג, טז) "וטבוח טבח והכן". דער אות חי"ת פון וואָרט "וטבח", און די פיר אותיות פון וואָרט "והכן", זענען "חנוכה". דאָ איז מרומז דער ענין פון חנוכה, כדי אונז צו לערנען, אַז מ'קען נישט זוכה זיין צום וואונדערליכן אור פון די חנוכה לעכט, אויב מ'איז נישט מקיים דעם ענין פון הכנה צום יום טוב - "והכן".

**אַנדערע** זאָגן אַ רמז אין תורה שבעל פה, אין די סוגיא פון חנוכה (שבת כא:) ווי די חז"ל רעדן אַרום באַריכות די הלכות פון די חנוכה לעכט, און ביים סוף פון עמוד, ברענגט די גמרא די ווערטער פון די ברייתא, וואָס פרעגט: "מאי חנוכה?" - וואָס איז חנוכה? און די גמרא דערציילט די פּרטים פונעם נס.

**פרעגט** דער "שפת אמת" (חנוכה, שנת תר"מ), אַז לכאורה וואָלטן די חז"ל קודם געדאַרפט זאָגן "מאי חנוכה", וואָס עס איז דער יום טוב חנוכה איז, און ערשט דערנאָך זאָגן די הלכות פון הדלקת נר חנוכה?

**נאָר** לויט ווי געזאָגט פריער, אַז מיר דאַרפן מאַכן די ריכטיגע הכנה צום יום טוב, האָבן די חז"ל אונז געוואָלט מרמז זיין, אַז איידער מ'קומט צו פאַרשטיין וואָס עס איז דער יום טוב חנוכה, דאַרף מען זיך גרייטן דורך לערנען די הלכות פון יום טוב, און צוגרייטן דעם מח און דאָס האַרץ צו די לעכטיגע טעג, און נאָר אַזוי קען מען וויסן באמת "מאי חנוכה", וואָס חנוכה באַדייט, און די אורות פון די הייליגע טעג זאָלן ווערן איינגעשלינגען אינעם בלוט. וועגן דעם האָט מען מקדים געווען די הלכות, איידער מ'האָט געברענגט דעם סיפור המעשה פון דעם נס.

**די** וויכטיגקייט פון מאַכן אַ הכנה פאַר אַ מצוה, קען מען זעהן פון די ווערטער פון גור'ער רבי'ן, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, וועלכער זאָגט ("אמרי אמת", תצא, תרצ"א, ד"ה "כי יקרא") אַ טעם פאַרוואָס די מצוה פון שילוח הקן ווערט אָנגערופן אין די חז"ל (תנחומא, עקב, ב') "מצוה קלה שבקלות" - די לייכטסטע מצוה צווישן די לייכטע מצוות [וואָס בפשטות איז דער טעם דערפון, ווייל ס'איז זייער לייכט מקיים צו זיין די מצוה, אָבער דער גור'ער רבי האָט געזאָגט אַן אַנדערן טעם], ווייל די חז"ל זאָגן, אַז דער פסוק ביי שילוח הקן (דברים כב, ו) "כי יקרא קן צפור לפניך" וגו', לערנט אונז "פרט

---

אַזוי זענען זייערע מיינונגען אַנדערש. יעדער בחור פאַרמאָגט אַ מעלה וואָס זיין חבר האָט עס נישט די דאָזיגע מעלה.

דער עושר האָט אָבער נישט געוואָלט נאָכלאָזן, נאָר געוואָלט וויסן וועלכער בחור איז דער בעסטער: דער "עידית שבעידית"... האָט רבי ברוך בער איהם איהם געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז באמת נישט מעגליך אָנצוּוויזן אויף איין תלמיד, אַז ער איז בעסער פון זיין חבר, ווייל יעדער איינער האָט מעלות וואָס אַ צווייטער איז נישט אַזוי אויסגעצייכנט דערין. עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס לערנט אַ גאַנצע מסכתא, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן אַז איין בלאַט איז בעסער פון אַנדערן, ווייל אין יעדן דף זענען דאָ זאַכן וואָס זענען נישט דאָ אין אַן אַנדערן דף, און ממילא, דאַרף מען האָבן אַלע דפים כדי אַז פון אַלע דפים זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ גאַנצע מסכתא. וועגן דעם קען מען נישט צוגלייכן איינס צום אַנדערן, און דאָס זעלבע איז מיט די תלמידים אין די ישיבה. יעדער בחור האָט גוטע מעלות וואָס זיין חבר האָט נישט, און וועגן דעם, איז "כולם שוים לטובה".

"למזומן" - די מצוה פון שילוח הקן איז שייך נאָר אויב עס האָט זיך פלוצלינג געטראָפן פאַר'ן מענטש אַ נעסט מיט פייגל, אָבער אויב די נעסט איז געוואָרן צוגעגרייט פון פריער פאַר דעם צוועק אַז מ'זאָל אָוועקשיקן די מאמע, איז נישט דאָ דערביי די מצוה. קומט אויס, אַז ביי די מצוה פון שילוח הקן איז נישט שייך צו מאַכן אַ הכנה (ווייל "מזומן" איז דאָך נישט אין כלל פון די מצוה) און וויבאַלד עס איז נישט שייך ביי די מצוה אַ הכנה, ווערט עס גערופן "מצוה קלה" - אַ לייכטע מצוה[יד].

על כל פנים, פון דעם קען מען פאַרשטיין ווי ווייט מ'דאַרף זיך באַמיען צו מאַכן די ריכטיגע הכנה פאַר יעדע מצוה, און אַזוי בלייבט איבער אינעם מענטש אַ הייליגער רושם אויפ'ן גאַנצן יאָר.

אין די חז"ל, געפינען מיר מערערע מקורות פאַר דעם ענין אַז די הכנה צו אַ מצוה, איז גרעסער ווי די מצוה אַליין. איין מקור ווערט אַראָפּגעברענגט אין ספרים, פון די שיטה פון די חכמי ישראל (יומא יט:) אַז אין יום כיפור, האָט דער כהן גדול געדאַרפט אָנצינדן די קטורת לפני ולפנים, אין קודש הקדשים, אָבער די צדוקים האָבן געטייטשט דעם פסוק (ויקרא טז, ב) "כי בענן אראה על הכפורת", אַז דער כהן גדול גרייט-צו דעם קטורת אינדרויסן, און דאָרט (אינדרויסן) צינדט ער אָן דעם פייער פון קטורת, כדי אַז ווען ער קומט אַריין אינעווייניג, זאָל אַרויפקומען אַ וואָלקן פון דעם רויך פונעם קטורת.

די מחלוקת צווישן די חכמים און די צדוקים איז, ווייל דאָס אינצינדן דעם פייער איז דאָך נישט מער ווי אַ "הכשר מצוה" - די צוגרייטונג צו די מצוה פון הקטרת הקטורת, און דערפאַר האָבן די צדוקים געהאַלטן אַז מ'דאַרף דאָס נישט טוהן אינעווייניג אין קודש הקדשים, ווייל דער "הכשר מצוה" - די הכנה צו די מצוה - איז אינגאַנצן נישט וויכטיג אין די אויגן פון די צדוקים, אָבער די הייליגע חכמים האָבן געהאַלטן, אַז "הכשר מצוה" איז פונקט אַזוי ווי די מצוה, אָדער גאָר גרעסער און חשוב'ער, דערפאַר האָבן זיי געהאַלטן אַז עס דאַרף יאָ געטוהן ווערן "לפני ולפנים" - אין קודש הקדשים.

### מאי חנוכה - וויסן די גרויסקייט פון די טעג און עס אויסניצן ריכטיג

**דער** חידושי הרי"ם זצ"ל זאָגט אַ מורא'דיג ווארט, וואָס זיינע ווערטער דאַרף מען זיך גוט אַריינגעמען אין קאָפּ, און נישט פאַרגעסן פון דעם ביז נאָך זאת חנוכה, מ'זאָל וויסן אין וואָס פאַראַ פייערדיגע טעג מיר גייען אַריין, "לאן אתה נכנס, למקום אש להבת שלהבת".

**דער** חידושי הרי"ם שטעלט זיך אויפ'ן לשון פון דער גמרא, וואָס ברענגט די שיטה פון בית שמאי, יום ראשון מדליק שמונה, והמהדרין נר לכל אחד ואחד, דעם ערשטן טאָג חנוכה צונדט מען אָן אַכט ליכט, און דער וואָס איז אַ מהדר צינדט אָן איין ליכט פאַר יעדן פון דעם הויזגעזונט. פרעגט דער חידושי הרי"ם, פאַרוואָס הויבט די גמרא אָן מיט אַ לשון פון "מדליק" אַ לשון יחיד, און פירט אויס "והמהדרין" - אַ לשון רבים?

**נאָך** אַ קשיא פרעגט ער, אין דער גמרא געפינען מיר אייביג אויף איינער וואָס וויל בעסער מקיים זיין אַ מצוה דאָס לשון "מחמירין", נישט "מהדרין". פאַרוואָס נוצט מען דאָ ביי חנוכה דאָס לשון "מהדרין"?

**ענטפערט** דער חידושי הרי"ם, לויט ווי דער מהר"ל שרייבט אויפ'ן פסוק (משלי ט, א) "חצבה עמודיה שבעה", דער רבונו של עולם האָט באַשאַפן די וועלט אין זיבן טעג, די שבעת ימי הבנין (ששת ימי המעשה, און שבת). די טבע פון דער וועלט אַרבייט אונטער דעם נומער זיבן. די נומער אכט, איז למעלה מדרך הטבע. אין טבע פון דער וועלט, זענען דאָ אָרימעלייט און עשירים, עס זענען דאָ געזונטע און קראַנקע ל"ע. גאַנצע, און צובראָכענע, נאָרמאַלע, און פאַרקערטע ל"ע.

**שרייבט** דער מהר"ל, אין דער רגע ווען מען גייט אַריין אין נומער 8, למעלה מדרך הטבע, הייבט זיך אָן אַלעם צו דרייען. אַ בלוטיגער אָרימאַן קען פלוצלינג ווערן אַ גביר, אַ קריטישע חולה ל"ע

---

**יד.** די ספרים הקדושים זאָגן, אַז דורך מצות שילוח הקן, קען מען מתקן זיין אַלע מצוות וואָס מ'האָט געטוהן אָן אַ געהעריגע הכנה פון פריער, ווייל וויבאַלד מ'איז מקיים די מצוה אָן אַ הכנה - ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן - איז מען דערמיט מתקן אַלע אַנדערע מצוות וואָס מ'האָט געטוהן אָן אַ געהעריגע צוגרייטונג פריער.

קען פלוצלינג ווערן געזונט. אפי' מ'וועט שוין טרעפן אַ סיבה המסבב, ער האָט געקויפט אַ "לאָטאָ", און איז געוואָרן אַ גביר, וכדומה, אָבער עס איז למעלה מדרך הטבע.

**זאָגט** דער חידושי הרי"ם, אַז דאָס איז די כוונה פון די ווערטער "מדליק שמונה", עס גייט נישט אַרויף אויף דער מענטש וואָס צינדט אָן די מנורה, נאָר עס גייט אַרויף אויף דעם אויבערשטען, און דערפאַר איז עס אַ לשון יחיד. דער אויבערשטער צינדט אָן דעם "נומער 8" אויף דער וועלט, און חנוכה איז טעג פון למעלה מדרך הטבע. דערפאַר האָט דאָס אויל געברענט אַכט טעג, ווייל עס איז למעלה מדרך הטבע.

"והמהדרין" - איז פון לשון "הדרא בי", אויב דו ווילסט צוברענגען צו זיך די בחינה פון נומער 8 - למעלה מדרך הטבע - "נר לכל אחד ואחד" - זאָלסטו אָנהייבן קאָכן און פלאַקערן, און דאַן וועט זיין ביי דיר אַ גאַנץ יאָר דער "נומער 8"!

**נאמנים** עלינו דברי חז"ל אַז עס ווערט אַ "נומער 8" - למעלה מדרך הטבע, אָבער מען דאַרף אַריינאַרבייטן אין דעם. אַז מען אַרבייט אַריין אין די טעג פון "נומער 8", ווערט אַ שינוי אינעם מענטש. "להדליק נר" - מען דאַרף אָבער אָנצינדן דאס ליכטעלע, די נשמה.

מיט דעם קען מען פאַרשטיין וואָס עס שרייבט דער גאון רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן זצ"ל (אב"ד לבוב, ומח"ס "שואל ומשיב"), אַז דאָס וואָס די גמרא זאָגט (ברכות נד.) אַז דער מענטש טאָר נישט בעטן אויף ניסים (עי' תענית כד:) איז שייך נאָר אַ גאַנץ יאָר, ווען 'עולם כמנהגו נוהג', און אויב מ'איז מתפלל דורכ'ן יאָר אויף אַ נס למעלה מדרך הטבע, איז מען גורם משדד צו זיין מערכות שמים וארץ. אָבער אין די טעג פון חנוכה, ווען אַלע וועלטן פירן זיך ממילא מיט אַ נסים'דיגע הנהגה, איז דער נס איינגעגלידערט אין די טבע פון די בריאה, און דערפאַר מעג מען אין חנוכה יאָ בעטן אויף אַ נס, אַזוי ווי מ'בעט אַ גאַנץ יאָר אויף אַ הנהגה בדרך הטבע.

די ימי חנוכה זענען גאָר גאָר גרויס, עס איז פשוט אַשוד עס צו לאָזן אַריבערגייןֿ[טו]. מ'דאַרף אויסנוצן די טייערע טעג, ווי די סלאָנימער רבי'ס האָבן געזאָגט בדרך צחות, אויף די ווערטער פון די חז"ל (שבת כא:) 'בכ"ה בכסלו יומי דחנוכה תמניא אינון דלא למיספד בהון' (בפשטות, איז די כוונה דערפון, אַז די חז"ל האָבן באַשטימט די חנוכה-טעג אַלס אַ יום טוב, און דערפאַר טאָר מען נישט האַלטן אַ הספד אויף אַ נפטר ל"ע אין חנוכה. קען מען זאָגן על דרך רמז) אַז דער מענטש דאַרף געדענקען אַז די טעג פון חנוכה זענען אַ ספּעציעלע מתנה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר אידישע קינדער. מ'דאַרף עס אויסנוצן ריכטיג, כדי 'דלא למיספד בהון', מ'זאָל שפּעטער דאַרפן

---

**טו.** דער "קדושת לוי" (קדושה שניה) זאָגט "משל למלך שפתח אוצרותיו יום אחד בשנה", עס איז אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געעפענט זיינע אוצרות איין טאָג אין יאָהר, ווער עס וויל קען נעמען. "אוי לו לכסיל אשר בזה היום ששערי אוצרות המלך נפתחים", וויי איז פאַר דעם שוטה וואָס אין דעם דאָזיגן טאָג, ווען עס ווערן געעפענט די אוצרות פונעם קעניג, "ולא פנה אליהם, רק ישן כל היום", און ער האָט זיך נישט געוואָנדן צו זיי, צו נעמען פון די אוצרות המלוכה, נאָר ער איז געשלאָפן אַ גאַנצן טאָג.

ער זאָגט נישט דאָס לשון "אוי לו לשייגעץ", נאָר "אוי לו לכסיל". ער איז אַ שוטה, אַז ער נעמט נישט פון די אוצרות פון מלך וואָס קומען אַראָפּ אויף דער וועלט אין די הייליגע חנוכה טעג.

דאָס זאָגן מיר אינעם פיוט "מעוז צור", "בני בינה ימי שמונה", מען דאַרף האָבן שכל אויסצונוצן די הייליגע טעג פון "שמונה" - למעלה מדרך הטבע.

דער טשערנאָבילער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי משולם זוסיא זצ"ל פון בני ברק, האָט געזאָגט אויף די הלכה אַז אויב מען האָט פאַרגעסן צו זאָגן "על הנסים" ביי ברכת המזון, דאַרף מען זאָגן "הרחמן הוא יעשה לנו נסים", האָט ער געזאָגט בדרך צחות:

- יאָ, איינער וואָס פאַרגעסט צו זאָגן "על הנסים" אין אַזעלכע הייליגע טעג, דאַרף ער טאַקע האָבן אַ נס!

אַזוי האָבן צדיקים געזאָגט בדרך צחות אויף די ווערטער פון דער גמרא, "יומא דחנוכה תמנין אינון דלא למספד בהון", זאָלסט נישט קלאָגן נאָך די טעג פון חנוכה, פאַרוואָס האָב איך עס נישט אויסגענוצט ווי געהעריג.

חלילה 'מספיד' זיין די טעג אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען מיט גאָרנישט, ווייל מ'האָט גאָרנישט 'איינגעקויפט' אין די לעכטיגע חנוכה טעג.

**דער** באַשעפער פאַרלאַנגט פון דעם מענטש נאָר איין אמת'דיגע נקודה פון די טיפענישן פון האַרץ, ער זאָל האָבן אַן אמת'דיגן רצון זיך צו דערנענטערן צום באַשעפער. דער מענטש דאַרף טוהן עפּעס ווי ווייט מעגליך, אַפילו אַ משהו מן המשהו. דער עיקר איז אַז ער זאָל נישט זיצן ליידיג[טז].

**דאָס** לערנען מיר אויך פון דעם 'דריידל' וואָס מ'שפּילט אין די חנוכה טעג. דאָס דריידל ווערט געדרייט פון אויבן, און דאָס פירט אַז עס זאָל זיך דרייען אויך אונטן, און אונטן דרייט זיך עס אַ סאַך מאָל... דאָס איז דערפאַר, ווייל אַז מען הייבט נאָר אָן בלויז מיט אַ קליינעם דריי, איז מען שוין זוכה צו דער הילף פונעם באַשעפער[יז].

**אַזוי** האָט געזאָגט הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע, אַז אידישע קינדער האָבן זוכה געווען צום

---

**טז.** די וועלט דערציילט אַ ווערטל, אין אַ געוויסע שטאָט האָט מען איינגעפירט אַלס אַ גוטן סימן, אַז אַ חתן אין טאָג פון זיין חופה, זאָל האַלטן ביי זיך אין שטוב צוויי בעכערס פול מיט גאָלדענע מטבעות. איינמאָל האט אַן אָרימער חתן, וואָס האָט נישט געהאַט אַזעלכע מטבעות, געבעטן ביי אַן עושר, ער זאָל איהם באָרגן אַזעלכע מטבעות, צו קענען האַלטן ביי זיך אינדערהיים אין טאָג פון דער חופה. וויסענדיג, אָבער, אַז יענער איז זייער אַ קאַרגער מענטש, און ער וועט איהם נישט וועלן באָרגן די מטבעות, האָט דער חתן זיך איבערגעקליגט און איהם געזאָגט, אַז ער האָט גענוג מטבעות אָנצופילן איין בעכער, און ער נויטיגט זיך אין מטבעות נאר כדי אָנצופילן זיין צווייטן בעכער.

דער עושר האָט אָבער נישט איינגעשטימט דערויף, און צוליב זיין קאַרגשאַפט, האָט ער געזאָגט פאַר דעם חתן אַז ער זאָל מקיים זיין די ווערטער פון די חז"ל (שבת קיח.) "ואל תצטרך לבריות", און דו זאָלסט נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. דעריבער - האָט דער עושר איהם גע'עצה'ט - זאָל ער אַוועקשטעלן נעבן אַ שפּיגעל דעם בעכער מיט די מטבעות, און אַזוי וועט ער האָבן אינדערהיים צוויי פולע בעכערס מיט גאָלדענע מטבעות... האָט דער חתן איהם געענטפערט מיט אַ טרויעריגן טאָן, אַז אויף דעם בעכער וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אינעם שפּיגעל, האָט ער געמיינט צו זאָגן אַז דאָס איז דער בעכער וואָס ער פאַרמאָגט יאָ... דעריבער, אויב דער עושר וועט איהם נישט געבן פון זיינע מטבעות, וועט ער גאָרנישט פאַרמאָגן. קומט אויס, אַז וויבאַלד ער האָט נישט געהאַט אַפילו איין אייגענעם בעכער, איז ער פאַרבליבן אינגאַנצן 'אויסגעשפּילט'.

פון דעם ווערטל, קען מען זיך לערנען, אַז ווען דער מענטש האָט זיין אייגענס, אַפילו אַ קלייניגקייט, קען ער עס שפּעטער פאַרגרעסערן און 'פאַרדאָפּלען' מיט פאַרשידענע תחבולות, ווי צ.ב.ש. דורך אַוועקשטעלן די זאַך נעבן אַ שפּיגעל, וכדומה. אָבער אויב ער פאַרמאָגט גאָרנישט, און דאַרף אָנקומען נאָר צו אַנדערע מענטשן, גייט ער אַרויס מיט ליידיגע הענט.

ללמד על הכלל כולו יצא, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן פאַר די טעג פון חנוכה, ווייל אַז מען עפענט אַ טירל, אַפילו 'כחודו של מחט', איז מען זוכה אַז דער אויבערשטער זאָל עפענען אַ טיר 'כפתחו של אולם'.

**יז.** הגה"צ בעל 'דמשק אליעזר' זצ"ל פון וויזשניץ האָט געזאָגט אויף דעם מנהג פון שפּילן דריידל, פאַרוואָס שרייבט מען אויף, אויף אַ קליין דריידל 'נס גדול היה שם'? איז דער תירוץ, כדי מקיים צו זיין 'פרסומי ניסא'. אויב אַזוי, וואָלט מען דאָך ענדערש געדאַרפט מאַכן גרויסע פלאַקאַטן און שילדן מיט 'קידוש לבנה' אותיות, וועגן דעם נס וואָס האָט פאַסירט מיט אידן אין צייט פון די חשמונאים, און אויפהענגען די דאָזיגע שילדן אויף די הויפּט גאַסן פון שטאָט, כדי נאָך מער באַרימט צו מאַכן אויף דער וועלט די נסים, וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אונז?

האָט דער 'דמשק אליעזר' געזאָגט, אַז פון דעם זעהט מען, אַז מ'דאַרף ענדערש נעמען אַ קליינעם 'דריידל', און מיט ווערטער ראשי תיבות, נ'ס ג'דול ה'יה ש'ם, אַבי עס 'דרייט זיך', און עס שטייט נישט אויף איין אָרט. ס'איז בעסער צו טוהן אַזוי, ווי איידער צו נעמען גרויסע שילדן, וואָס שטייען אויף איין אָרט ווי אַ 'דומם', און טוהען גאָרנישט. דער עיקר איז, אַז דער מענטש זאָל טוהן!

נס פון חנוכה, אין זכות פון דעם וואָס יעקב אבינו ע"ה איז געגאַנגען צוריקברענגען די קליינע קריגלעך, ווי די מקובלים שרייבן (עי' 'קב הישר', פרק צו, ובהערות 'קב נקי' אות ד) אַז יעקב אבינו האָט גענאָמען פונעם אויל וואָס האָט זיך געפונען אין די קליינע קריגלעך, אויף דעם מזבח וואָס ער האָט געבויט פאַר דעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית לה, יא) 'ויצב יעקב וגו' מצבת אבן, ויסך עליה נסך ויצוק עליה שמן'. און פון דעם האָבן די חשמונאים אָנגעצונדן די מנורה, און עס האָט געברענט אַכט טעג בדרך נס. אויב יעקב וואָלט חלילה זיך געפוילט צוריקצוברענגען די קליינע קריגלעך, וואָלטן מיר שאָדן געהאַט דעם גרויסן נס.

**פון** דעם זעהען מיר, אַז דורך אַ קליינעם עניין וואָס מ'טוט ריכטיג, קען מען זוכה זיין צו ווינדערליכע ניסים לדורי דורות[יח].

**אַזוי** האָט געזאָגט דער 'חידושי הרי"ם' זצ"ל וועגן די מחלוקת צווישן בית שמאי און בית הלל (שבת

---

דער הייליגער "חוזה" פון לובלין זי"ע איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ סוכה וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ שלאַק פון אויבן, וואָס מ'האָט געדאַרפט דרייען מיט אַ שטריק פון אונטן. אויף די פראגע פון לובלינער וואָס דאָס איז, האָט מען איהם געענטפערט אַז דאָס איז געמאַכט אויף אַן אופן, אַז ווען מען דרייט אונטן דעם שטריק, עפענט זיך דער שלאַק אויבן. האָט דער לובלינער געזאָגט:

- אַזאַ סוכה האָב איך ליב. אַז מען ציהט דעם שטריק אונטן, עפענט זיך פון אויבן...

דאָס איז מרומז אין דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מג, לא) "ויתאפק, ויאמר שימו לחם". דורך איין "ויתאפק" פון דעם מענטש אונטן אויף דער וועלט, זאָגט דער אויבערשטער אויבן "שימו לחם" - עס זאָלן אַראָפּקומען אַלע גוטע השפעות.

**יח.** אַמאָל אין אַ דרשה, האָט דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, דערציילט ווי פאָלגענד:

אין דער שטאָט וויען, האָט געוואוינט אַ תלמיד חכם מופלג, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מתמיד און האָט זיך גאָרנישט אָפּגעגעבן מיט ענינים פון דער וועלט. ער האָט אַפילו נישט געקענט די לאַנדס-שפּראַך פון עסטרייך.

איינמאָל גייענדיג אויף דער גאַס אין וויען, האָט ער געזעהן אַ גרויסן אַנאָנס-מעלדונג, און כאָטש ער האט נישט געקענט די שפראַך פון דער מדינה, האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָרט שטייט געשריבן עפּעס גאָר אַ וויכטיג מעלדונג. האָט ער אָפּגעשטעלט דעם ערשטן מענטש וואָס איז דורכגעגאַנגען נעבן איהם אויף דער גאַס, און איהם געבעטן ער זאָל איהם זאָגן דעם אינהאַלט פון די מעלדונג.

יענער איז געווען אַן עושר און אַ בכבוד'יגער מענטש, אָבער פונדעסטוועגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און איהם געזאָגט וואָס עס שטייט אויפגעשריבן אויפ'ן פלאַקאַט. שמועסנדיג, האָט דער עושר געזעהן אַז ער איז אַ קלוגער מענטש, און ער האָט איהם געפרעגט, 'איך זעה אַז איר זענט אַ קלוגער מענטש. אויב אַזוי, פאַרוואָס לערנט איר זיך נישט די שפּראַך פון לאַנד? אַזוי וועט איר דאָך קענען מצליח זיין און ווערן רייך". האָט דער תלמיד חכם איהם צוריק געענטפערט מיט אַ פראַגע, אויב ער עסט ברויט און טרינקט וואַסער יעדן טאָג. האָט דער עושר געענטפערט, 'אַוודאי עס איך ברויט און איך טרינק וואַסער יעדן טאָג'.

האָט דער תלמיד חכם געפרעגט דעם עושר, 'אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרפט איר צאָלן מער געלט צו קויפן ברויט אויף דער גאַס, עס איז דאָך פיל ביליגער צו קויפן קערענדלעך פון ווייץ, עס אָפּמאָלן און מאַכן דערפון מעהל, קנעטן די טייג און עס אָפּבאַקן?

דערנאָך האָט ער איהם אויך געפרעגט, 'פאַרוואָס דאַרפט איר צאָלן פאַר'ן וואַסער-טרעגער צו ברענגען וואַסער פון דעם ברונעם, איר קענט דאָך גיין אַליין צו די ברונעם אָפּשעפּן וואַסער? דערוויל גיט איר אויס געלט אויף זאַכן וואָס איר קענט שפּאָרן געלט?'

האָט דער עושר איהם געענטפערט, אַז ער רעדט נאַריש, 'אין דער צייט ווען איך בין באַשעפטיגט מיט מיינע געשעפטן, פאַרדין איך דאָך הונדערט מאָל אַזוי פיל וויפיל עס פאַרדינט אַ בעקער אין זיין בעקעריי און דער וואַסער טרעגער ביי זיין אַרבעט, אָבער אויב איך וועל נישט גיין אין מיין געשעפט, נאָר אנשטאַט דעם אַליין באַקן אָדער אָנשעפּן דאָס וואַסער, וועל איך דאָך שאָדן האָבן אַ גרויסן ריווח וואָס איך פאַרדין פיל מער אין מיינע געשעפטן'.

ווען דער תלמיד חכם האָט געהערט דעם עושר'ס ענטפער, האָט ער איהם געזאָגט מיט אַ זיגרייכן טאָן:

כא:) אויב מיר צינדן די חנוכה לעכט אין אַן אופן פון 'מוסיף והולך', אָדער 'פוחת והולך'. זיי קריגן אָבער נישט אין דעם ענין צי מען דאַרף זיין אַ 'הולך'. אין דעם זענען אַלע מודה, אַז א איד דאַרף שטענדיג זיין א 'הולך'. דער מענטש דאַרף שטענדיג שטייגן העכער און העכער אין זיינע מדרגות, און נישט בלייבן שטיין אויף אַן אָרט, אָן דעם וואָס ער זאָל 'עפּעס' טוהן, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ב, ה) "בית יעקב לכו ונלכה באור ה'". דאָס איז אַ רמז, אַז ווען די נרות חנוכה לייכטן, דאַרף דער מענטש גיין העכער און העכער ('לכו ונלכה'), און אַזוי קען ער זיך אויפהייבן און געניסן פון דעם גרויסן אור.

אַזוי האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זצ"ל פון סלאָנים, אַז דאָס וואָס מיר פסק'ענען אַז מ'דאַרף צולייגן אַ לעכטל יעדע נאַכט, איז מרמז אַז דער מענטש דאַרף שטייגן העכער און העכער, 'בהדרגה', ער צינדט אָן אין דער ערשטער נאַכט איין לעכטל, און אין די צווייטע נאַכט, צינדט ער צוויי לעכט, און אַזוי ווייטער און ווייטער. דורך דעם וואָס דער מענטש איז מוסיף כסדר, איז ער זוכה אָנצוצינדן אַלע אַכט לעכט, וואָס זענען מרמז אויף די הנהגה פון למעלה מדרך הטבע, וואָס דאָס וועט פירן דערצו, אַז מיר זאָלן קענען מקיים זיין דעם אויבערשטען'ס מצוות, אַלע טעג פון יאָר.

**שעשה ניסים - די סגולות פון די חנוכה טעג**

די טעג פון חנוכה זענען מסוגל אויף ישועות ברוחניות ובגשמיות, און דערויף באַווייזט דער נאָמען פונעם יום טוב, ווי דער "מחזור ויטרי" שרייבט (לחנוכה, סדר התפלה וקריאת התורה), אַז "חנוכה" איז פון לשון "חן" און "חנינה". אין די חנוכה-טעג פירט זיך דער אויבערשטער מיט מענטשן "לפנים משורת הדין", און נישט לויט זייערע מעשים, פונקט ווי ווען עמיצער גיט אַ "מתנת חנם" פאַר אַ צווייטן, אפילו אויב ער איז נישט ווערד דערצו.

אין די טעג פון חנוכה, קען מען אויס'פועל'ן ישועות אפילו אויף אַ הנהגה וואָס איז העכער פון דרך הטבע, אַזוי שטייט אין ספר 'דברי יחזקאל' פון דעם קלאַסנער רב, הגאון רבי יחזקאל שרגא פרענקעל-תאומים זצ"ל (אַן אייניקל פון דעם גאון בעל 'ברוך טעם' זצ"ל) (סו"פ מקץ) אויף דעם וואָס די פריערדיגע צדיקים האָבן געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים צו, ב) "בשרו מיום אל יום ישועתו", אַז אַ טאָג ווען עס האָט פּאַסירט אַ ישועה פאַר אידן, איז מסוגל ממשיך צו זיין ישועות אין אַלע דורות, אויך אין אַ הנהגה פון למעלה מדרך הטבע. חנוכה איז נישט שייך דער ענין וואָס די חז"ל זאָגן אַז מ'רעכענט אַראָפּ פון די זכותים פון מענטש אויב עס פּאַסירט מיט איהם אַ נס למעלה מדרך הטבע, און דעריבער קען מען דעמאָלס מתפלל זיין אויף אַ נס[יט].

די גמרא זאָגט (ביצה יז.) אַז שבת איז "קביעא וקיימא", פון די צייט פון בריאת העולם האָט דער אויבערשטער געהייליגט דעם שבת'דיגן טאָג אויף אַלע דורות. אפילו אויב בית דין וועט נישט מקדש זיין דעם שבת, איז עס הייליג פון זיך אַליין (בית דין טוט טאַקע נישט "מקדש זיין" דעם שבת). יום טוב איז אַנדערש: "ישראל קדשינהו לזמנים" - די אידן האָבן געהייליגט די ימים טובים.

---

- אָט דאָס זעלבע איז ביי מיר... יעדע מינוט וואָס איך לערן תורה, פאַרדין איך דאָך גאָר אַ סאַך געלט, וואָס וועגן תורה, זאָגט דער פסוק (משלי ג, טו) 'וכל חפציך לא ישוו בה'. דערפאַר איז דאָך אַ שאָד איך זאָל זיך אויסלערנען די עסטרייכישע שפּראַך, אָדער כ'זאָל טוהן אַנדערע זאַכן וואָס פאַרנעמען טייערע צייט, און ווען איך דאַרף דרינגענד לייענען אַ מעלדונג וואָס איך זעה אויף דער גאַס, קען איך בעטן דעם שטאָטישן גביר ער זאָל מיר אַוועקשענקען אַ פּאָר מינוט, און מיר אויפקלערן וואָס דאָרט שטייט...

דער נמשל איז, אַז דער אויבערשטער האָט געגעבן אַ מתנה טובה פאַר אידישע קינדער - די חנוכה טעג, אַז מיר זאָלן קענען אויס'פועל'ן אין די טעג וואָס מיר דאַרפן נאָר, און אפילו ישועות למעלה מדרך הטבע, און דערפאַר דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען מיט 'חיי עולם', און נישט מיט 'חיי שעה'. אויב מ'נוצט אויס די צייט אויף נאַרישקייטן, האָט מען אַ פּנים ווי יענער גביר פון ווין וואָס וואָלט איבערגעריסן זיינע געשעפטן כדי צו שעפּן וואַסער פון קוואַל...

**יט.** באמת קען מען אויך דורכ'ן יאָר פועל'ן נסים מיט'ן כח פון תפלה, אָבער חנוכה איז אַנדערש, ווייל דעמאָלטס איז פיל לייכטער אַז די תפלה זאָל געענטפערט ווערן, ווייל דער נס איז פיל מער ענליך צו 'טבע'.

דורך דעם וואָס בית דין איז מקדש די חדשים, ווערן באַשטימט די זמנים פון די ימים טובים. קומט אויס, אַז שבת טוט דער אויבערשטער איינלאַדן די אידן צו זיך, אַז זיי זאָלן הנאה האָבן פון זיין הייליגע שכינה, און אין יום טוב, לאַדענען די אידן דעם אויבערשטען צו קומען באַזוכן ביי זיי.

**אויף** דעם האָט געזאָגט דער צאַנזער רב, הרה"ק בעל "דברי חיים" זי"ע, אַז אויב דאָס איז געזאָגט געוואָרן ביי אַלע ימים טובים, איז חנוכה נאָך מער אין דעם כלל, ווייל דער אויבערשטער טוט דעמאָלטס באַזוכן זיינע באַליבטע קינדער אין זייער "בית האסורים", יעדער איינער מיט זיינע פּראָבלעמען בגשמיות וברוחניות, "למטה מעשרה"[כ]. און וועגן דעם דאַרף מען דעמאָלטס אויסשרייען מיט אַלע כוחות: "אנא ה' מלטה נפשי".

**דער** הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט, אַז די שפע וואָס קומט אַראָפּ אין די חנוכה-טעג, איז ענדליך צו די שפע וואָס קומט אַראָפּ אין ראש השנה[כא]. נאָר דער חילוק איז, אַז די שפע וואָס ווערט באַשטימט אין ראש השנה פאַר'ן מענטש, ווענדט זיך אין זיינע מעשים (ווי מיר זאָגן אין תפלת מוסף פון ראש השנה, "כי זכר כל המעשים

---

הרה"ח ר' שמעון דאסקאל ז"ל פון בני ברק האָט דערציילט, אַז יאָרן צוריק, האָט ער געוואָלט עפענען אַ סחורה-געשעפט אין בני ברק, און האָט געזוכט אַן אָרט אָפּצודינגען. ער האָט באַקומען צוויי פאָרשלאָגן. איין אָרט איז געווען אין צענטער פון שטאָט, וואו עס דרייען זיך אַ סאַך מענטשן. דאָרט האָט מען אָבער געפאָדערט גאָר אַ טייערן פּרייז. דער צווייטער פאָרשלאַג האָט געדאַרפט קאָסטן פיל בילגער, אָבער יענער אָרט איז געווען גאָר שטיל, און ווייניג מענטשן האָבן זיך דאָרט געדרייט.

ווען ער האָט געפרעגט הרה"ק מסאטמאר זי"ע וועלכן געשעפט ער זאָל דינגען, האָט דער רבי איהם געענטפערט (בדרך צחות קצת). די ראשונים האָבן מתקן געווען פאַרשידענע ווידויים, ווי דער ווידוי וואָס רבינו יונה האָט געמאַכט (וואָס מ'זאָגט ביי 'יום כיפור קטן'), און אַנדערע ווידויים, אָבער מען זאָגט עס מיט ווייניגער 'ברען' און התלהבות, ווי מ'זאָגט 'תפלה זכה' ערב יום כיפור, וואָס מ'וויינט בדמעות שליש ביים זאָגן די תפלה, כאָטש עס איז נתחבר געוואָרן דורך אַן אחרון, דער גאון בעל 'חיי אדם' זצ"ל. פאַרוואָס זאָגט מען 'תפלה זכה' מיט התלהבות, אָבער די ווידויים וואָס די ראשונים האָבן מתקן געווען, זאָגט מען נישט מיט אַזאַ התלהבות?

איז דער תירוץ - האָט דער רבי זצ"ל ווייטער געזאָגט - אַז אַלעס ווענדט זיך אין דעם פּלאַץ וואו די תפלה איז געשטעלט געוואָרן. 'תפלה זכה' איז געשטעלט געוואָרן אויף 'אַ גוטן אָרט' (מ'זאָגט עס ערב יום כיפור פאַרנאַכטס, בין השמשות, פאַר 'כל נדרי', ווען יעדער איד שפירט אַ פחד פאַר'ן אָנקומענדיגן יום הדין, און מ'זאָגט 'ווידוי' פון טיפן האַרצן), אָבער די אַנדערע תפלות זענען געדרוקט געוואָרן צווישן די בלעטער פון סידור וואָס מ'דאַווענט דערין יעדן טאָג, און צוליב די געוואוינהייט, כאַפּט מען נישט אויף די חשיבות דערפון.

מיט דעם האָט דער רבי ז"ל געמיינט צו זאָגן, אַז מ'דאַרף שטענדיג אויסוויילן אַ 'גוט אָרט', ווייל דאָס אָרט פון די תפלה האָט אַ גרויסן באַדייט (און דעריבער זאָל דער איד ענדערש צאָלן אַ טייערער פּרייז, פאַר אַ געשעפט אין אַן אָרט וואו עס געפינען זיך אַ סאַך מענטשן).

לעניננו, וואָס מיר קענען לערנען פון די מעשה לגבי די גרויסע חנוכה טעג, איז, ווייל די חז"ל זאָגן (סוכה כא:) שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד. פון דאָ קען מען לערנען אַ גרויסן חיזוק וועגן דעם חיוב פון תפלה אין די ימי הנסים פון חנוכה. מיר ווייסן אַז דער גאַנצער סדר התפלה איז נתחבר געוואָרן דורך די אנשי כנסת הגדולה, וואָס זייער קדושה איז געווען ווי פון די מלאכים, אָדער נאָך מער. עס מאַכן זיך אָבער אָפט מאָל פאַרשידענע שטערונגען וואָס האַלטן צוריק די תפלות אַז זיי זאָלן נישט אָנגענומען ווערן ח"ו. אין די טעג פון נסים, שטייען אָבער די תפלות פון אידישע קינדער 'אויפ'ן ריכטיגן אָרט', און זיי דערגרייכן ביז דעם כסא הכבוד.

**כ.** אַזוי זאָגט מען נאָך אין נאָמען פון איינע פון די סלאָנימער רבי'ס, אַז חנוכה "באַזוכט" דער אויבערשטער ביי יעדן אין שטוב, אפי' אין דעם נידעריגסטן מצב.

**כא.** הרה"ק רבי שלמה'לע איגר זי"ע הי"ד, דער לעצטער לובלינער רבי (זון פון הרה"ק בעל "שבט מיהודה" זי"ע), האָט געזאָגט וועגן דעם וואָס חנוכה איז ענליך צו די ימים נוראים, דעם פאָלגענדן משל: אַ מענטש פּרובירט אויפוועקן זיין חבר פון שלאָף. צומאָל צינדט ער אָן אַ גרויסע ליכט אין צימער, כדי צו אויפוועקן זיין חבר פון שלאָף, און אַמאָל בלאָזט ער מיט אַ שופר אָדער טרומפּייטער, כדי אויפצואוועקן דעם חבר. דער "צד השוה"

לפניך בא״), לויט ווי עס זעהט אויס זיין אתערותא דלתתא, אָבער חנוכה, קומט די שפע אַלס אַ מתנה, מיט אַן ״אתערותא דלעילא״, פון הימל, אָן אונזער אייגענע התעוררות אויף דער וועלט. ממילא, אפי׳ אויב דער מענטש איז נישט ראוי פאַר די שפע, איז ער זוכה דערצו אין חנוכה.

**אַזוי** האָט געזאָגט הרה״ק רבי משה׳לע ראַזוואַדוב׳ער זי״ע אויף די ווערטער פון די חז״ל (עירובין יח:) אַז ווען נח האָט אַרויסגעשיקט די טויב צו זעהן אויב דאָס וואַסער איז ווייניגער געוואָרן ביים מבול, האָט די טויב געזאָגט צום אויבערשטען: ״רבונו של עולם, יהיו מזונותי מרורין כזית ומסורין בידך, ואל יהיו מתוקין כדבש, ותלוין ביד בשר ודם״. הייליגער באַשעפער, ענדערש זאָל די שפייז זיין ביטער ווי אַן איילבירט אָבער עס זאָל קומען פון דיין האַנט, און אַפילו אויב עס איז אַזוי זיס ווי האָניג, אויב עס קומט פון מענטשן, וויל איך עס נישט האָבן.

**זאָגט** דער ראַזוואַדוב׳ער רב, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות נג:) אַז כנסת ישראל ווערט צוגעגליכן צו אַ טויב. די אידן - וואָס זענען מרומז אין די טויב - זענען מתפלל, אַז דער אויבערשטער זאָל זיי ענדערש באַשטימען זייער פרנסה אין חנוכה, ווען מ׳צינדט חנוכה לעכט מיט שמן ״זית״ (מרורין ״כזית״), ווייל דאַן איז עס ״מסורין בידך״, עס ווערט איבערגעגעבן פון דעם אויבערשטען צו די אידן אַלס אַן אומזיסטע מתנה.

״ואל יהיו מתוקין כדבש״, וואָס איז מרמז אויף ראש השנה, ווען מ׳טינקט איין דאָס עפל אין האָניג, ווייבאַלד דעמאָלטס איז עס ״מסורין בידי בשר ודם״, עס ווענדט זיך לויט די מעשים פונעם מענטש, און עס איז שווער בייצושטיין ביים דין אין ראש השנה. דעריבער ווילן מיר ענדערש באַקומען אונזער שפּייז אין חנוכה, ווען עס קומט אַלס אַ מתנת חנם פון דעם אויבערשטען, ע״כ.

**און** צוליב דעם האָבן חז״ל מתקן געווען די מצוות אין יעדן יום טוב, ווייל דורך די מצוות וואָס מ׳איז מקיים אין יום טוב, איז מען זוכה צו זיין דבוק אין די קדושה פונעם יום טוב.

**דער** ״בית אהרן״ (דף מא: ד״ה בחנוכה) געבט צו פאַרשטיין דאָס ענין, ווייל עס איז דאָ די סגולה פון דעם זמן, און עס איז דאָ די סגולה פון די מצוות. דאָס הייסט, די עצם אַכט טעג פון חנוכה זענען טעג וואָס זענען מסוגל צו ניסים, ווייל עס איז איינגעוואָרצלט געוואָרן אין די טבע פון די 8 טעג, אַז אין זיי זאָלן פּאַסירן ניסים ונפלאות. דאָס קען מען אויס׳פועל׳ן דורך די מצוה פון צינדן די מנורה, ווייל יעדעס איינע פון די צוויי (דער זמן, און די מצוה) פועל׳ט עס מצד עצמו, און אַוודאי געוויס, אַז דורך ביידע צוזאַמען קען מען פועל׳ן און ממשיך זיין אַ סאַך ניסים.

**אויך** שרייבט ער דאָרט (דף מא.) אַז אַלע מצוות לייכטן און שיינען אויפ׳ן מענטש, אָבער דער ״נר חנוכה״,

---

צווישן ביידע איז, אַז ביידע האָבן דעם זעלבן ציל: אויפצואוועקן דעם מענטש פון זיין שלאָף, אַז ער זאָל נישט פאַרזינקען ווערן אין די נאַרישקייטן פון דער וועלט.

דער נמשל איז, ראש השנה בלאָזט מען שופר אויפצואוועקן די פאַרשלאָפענע מענטשן פון זייער טיפן עולם-הזה׳דיגן שלאָף, און חנוכה וועקט מען אויף די מענטשן דורך די לעכטיגקייט פון די חנוכה לעכט.

דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון רש״י ז״ל (במדבר ח, ג) ביים צינדן די לעכט פון די מנורה, ״ויעש כן אהרן, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה״. ״שינה״ איז אויך טייטש שלאָף. אהרן הכהן איז נישט געבליבן ״שלאָפן״ ח״ו, צוליב דעם גרויסן אור פון די לעכט פון די מנורה (געבערענגט אין ספר ״תורת אמת״, מהדורא חדשה, סוף ח״ג, דברי תורה מנכד המחבר, חנוכה תרפ״ז, לסעודה ג׳, ד״ה בהפטרה).

ענדליך זאָגט דער אַלטער סקולענער רבי, הרה״ק רבי אליעזר זוסיא זי״ע, אַז דערפאַר איז חנוכה באַשטימט געוואָרן אַלס אַ יום טוב נאָך די ימים נוראים, ווייל דורך דעם שופר, און די עבודה פון יום כיפור, און די מצוות פון יום טוב סוכות, בויט מען הערליכע פּאַלאַצן אין הימל, אָבער אויב מ׳שטעלט נישט אַריין ״פענצטער״ אין די פּאַלאַצן, צו מאַכן דאָרט לעכטיג, וועט נישט זיין פון וואו די לעכטיגקייט זאָל אַריינקומען. אויף דעם האָט מען מתקן געווען דעם יום טוב חנוכה, וואָס שיינט אַריין אין אַלעם וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו באַשאַפן אין הימל מיט אונזער קיום המצוות אין חודש תשרי, און דאָס איז משלים אַלעס אַז עס זאָל זיין בתכלית השלימות.

איז די לעבעדיגקייט אַליין. דאָס הייסט, יעדע מצוה טוט אַ פעולה אויף אַן אַנדערן פרט און אבר פון מענטש, אָבער דורך צינדן חנוכה-לעכט, שיינט דער מענטש אַריין אין די קומה פון זיין גוף און זיין נשמה.

**נאָך** מער באַליבט ווי די אַנדערע ימים טובים, זענען די ימים טובים חנוכה און פורים, וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען, ווי עס זאָגט דער "שפת אמת" (לחנוכה, שנת תרמ"ד, ד"ה "לשנה"), אַז אויך אין די צייט פון גלות קען מען מקיים זיין די מצוות פון חנוכה און פורים בשלימות, אָן אַ חסרון, מה שאין כן די ימים טובים וואָס ווערן דערמאנט אין דער תורה, קען מען דאָך נישט מקיים זיין בשלימות, וויבאַלד מיר האָבן היינט נישט די מעגליכקייט מקריב צו זיין די קרבנות מוסף און עולת ראיה און שלמי חגיגה, אין יעדן יום טוב, כהלכתם.

**דער** יום טוב חנוכה, מיט די חנוכה לעכט וואָס מיר צינדן, איז משפיע אַ שפע פון בני, חיי, ומזוני אויף אידישע קינדער.

**"בני"** ווייל די חז"ל זאָגן (שבת כג:) הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים, דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו צינדן לעכט (נרות שבת, און נרות חנוכה) איז זוכה צו קינדער תלמידי חכמים. אַזוי זאָגן די דורשי רשומות אויך אויפ'ן פסוק (תהלים קיט, ט) "במה יזכה נער את ארחו". ארח"ו אותיות "אור ח"", מרמז צו זיין, אַז דורך די מצוה פון צינדן אַכט טעג חנוכה לעכט, קען מען זוכה זיין צו "נער", בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

**"חיי"** - ווי דער פסוק זאָגט (משלי טז, טו) "באור פני מלך חיים". דורך די לעכט פון חנוכה איז מען זוכה צו חיים טובים וארוכים.

**אין** דעם ענין, האָט געזאָגט הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז די חנוכה-טעג זענען מסוגל אויף אריכות ימים ושנים, ווייל די חז"ל האָבן דאָך באַשטימט דעם יום טוב חנוכה מיט זיינע אַכט טעג, אויף הלל והודאה, און דער פסוק זאָגט (תהלים קטו, יז) "לא המתים יהללו י-ה", קומט אויס אַז כדי מ'זאָל קענען לויבן דעם אויבערשטען, מוז מען האָבן אריכות ימים, און דער אויבערשטער גיט אַ מתנה דאָס לעבן, וואָס מיר ווייסן אַז "נותן בעין יפה נותן", ממילא איז מען זוכה צו לאַנגע געזונטע יאָרן, אמן.

**אויך** קען מען זאָגן בדרך רמז, ווייל די חז"ל זאָגן (שבת כב.) אַז מ'צינדט די חנוכה מנורה אויף די לינקע זייט פון די טיר, און די מזוזה געפינט זיך אויף די רעכטע זייט פון די טיר. זעהען מיר אַז מזוזה האָט אַ שייכות מיט חנוכה לעכט, און ביי מזוזה פאַרזיכערט די תורה אריכות ימים ושנים: "למען ירבו ימיכם וימי בניכם" (דברים יא, כא).

**מזוני** - אין זכות פון די חנוכה לעכט, איז מען זוכה צו פרנסה בריווח, ווייל די מנורה ווערט דאָך געשטעלט אויף די לינקע זייט פון די טיר, און שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט (משלי ג, טז) "בשמאלה עושר וכבוד"[כב].

**אויך** ווערט געברענגט, ווייל די חז"ל זאָגן (ביצה לב:) אַז אַ מענטש וואָס דאַרף אָנקומען צו עסן ביי

---

**כב.** טייל צדיקים האָבן זיך געפירט צו טיילן "חנוכה געלט" דווקא אין דעם פינפטן טאָג חנוכה, ווייל דעמאָלטס הייבט מען אָן צו צינדן דאָס ערשטע לעכטל אויף די לינקע זייט פון די מנורה, און דער פסוק זאָגט דאָך "בשמאלה עושר וכבוד"...

דער פשוט'ער טעם פאַרוואָס אין די ערטער האָט מען אָנגעהויבן טיילן די חנוכה געלט דייקא אין פינפטן טאָג, איז, ווייל דער פינפטער טאָג קען קיינמאָל נישט אויסקומען אין שבת (עס איז שטענדיג אין אַ וואָכן-טאָג), און ממילא, קען מען אייביג טיילן געלט אין דעם טאָג...

עס ווערט אָבער געברענגט אויך אַ אַ טיפערע כוונה אין דעם ענין, אַז עס ווייזט אויף די שטאַרקייט פון די חנוכה-טעג, אַז אפי' אין דעם טאָג, וואָס קען נישט אויספאַלן אין שבת, שיינט אויך דער גרויסער אור פון חנוכה, און מ'קען אויך אין דעם טאָג זוכה זיין צו אַ גרויסע שפע ברוחניות ובגשמיות.

די ספרים ברענגען אויך, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים אַז די אַכט טעג פון חנוכה זענען קעגן די אַכט ענינים וואָס ווערן דערמאנט אין "לא-ל ברוך" (תפלת שחרית), און דער פינפטער טאָג איז אַנטקעגן

פרעמדע מענטשן, "עולם חשך בעדו" - איז די וועלט פאַר איהם פינצטער ח"ו. אָבער דאָ, ווען מ'לייכט מיט אַן "אור פני מלך חיים" דורך די חנוכה לעכט, איז מען זוכה צו מזוני רויחי, אַז מ'זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו אַנדערע מענטשן, לא לידי מתנת בשר ודם, ולא לידי הלוואותם, אמן.

**דאָס** וויכטיגסטע צו וועלכע די חנוכה טעג זענען מסוגל, איז אָבער די גאולה שלימה במהרה, ווי דוד המלך ע"ה, דער "מלכא משיחא", האָט געבעטן (תהלים קלב, יז), "ערכתי נר למשיחי". דורך "עריכת נר", דאָס אָנריכטן די חנוכה לעכט, איז מען זוכה "למשיחי" - צו ביאת משיח צדקינו במהרה, אמן.

**באמת** דרש'ענען דאָך די חז"ל (איכ"ר פ"ה, כא) אויפ'ן פסוק (איכה ה, כא) "השיבנו ה' אליך ונשובה", אַז די אידן זאָגן צו דעם אויבערשטען, "השיבנו", ער זאָל אונז צוערשט אומקערן צו זיך, אָבער דער אויבערשטער זאָגט צו אונז (מלאכי ג, ז) "שובו אלי ואשובה אליכם נאם ה'". צוערשט זאָלט איר זיך אומקערן צו מיר, און דאַן וועל איך זיך אומקערן צו ענק, ווייל אַלעם ווענדט זיך אין די אידן, אַז זיי זאָלן ערשט תשובה טוהן.

די חז"ל דערציילן אונז (ברכות י.) אַז ווען ישעיה הנביא האָט געדאַרפט זאָגן נביאות פאַר חזקיהו מלך יהודה, האָט אויסגעבראָכן אַ וויכוח צווישן זיי, ווער עס דאַרף גיין צו וועמען. ישעיה הנביא האָט געזאָגט, אַז חזקיהו דאַרף קומען צו איהם, און חזקיהו המלך האָט געהאַלטן פאַרקערט, אַז ישעיה דאַרף קומען צו איהם. האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז חזקיהו איז געוואָרן נישט געזונט און ישעיה איז געקומען צו איהם אויף אַ ביקור חולים, און דאַן האָט ער איהם איבערגעגעבן זיין נבואה.

**לויט** דעם שרייבט דער מהר"ל (זעה ספר "נצח ישראל", סוף פרק י') אַז די אידן אין גלות זענען דאָך קראַנק און פאַרוויייטאָגט פון יסורים רח"ל, ממילא, כאָטש מצד דרך ארץ פאַסט עס אַז דער פשוט'ער מענטש זאָל גיין צום גרויסן קעניג - דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה - און איהם איבערבעטן, אָבער וויבאַלד מיר זענען דאָך ליידער אין דער בחינה פון "חולים" דאַרף דער גרויסער קעניג - דער באַשעפער ברוך הוא - קומען אונז באַזוכן. און ממילא, ווערט ער נאָענט צו אונז און ראַטעוועט אונז אַרויס פון ביטערן גלות, און אין זכות פון מתתיהו כהן גדול ובניו, זאָלן מיר זוכה זעהן צו זעהן די ישועת ה', "באורך נראה אור"[כג].

---

"מצמיח ישועות", ווען עס שפּראָצן-אויף גרויסע ישועות, דעריבער איז דער זמן גורם צו טיילן השפעות טובות און ישועות אין אַ גרויסע מאָס.

**כג.** עס איז באַקאַנט די מעשה, דער גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל האָט אַמאָל באַזוכט די גרויסע שטאָט וואַרשע, און ער האָט דאָרט געזוכט זיינס אַ משפחה-קרוב וואָס האָט געוואוינט אין שטאָט. כאָטש ס'איז נישט אָנגעקומען לייכט אויסצוגעפינען דאָס אָרט וואו דער קרוב האָט געוואוינט, האָט רבי עקיבא איגר זיך אינטערעסירט אַ לענגערע צייט, ביז ער איז דערגאַנגען דעם פינקטליכן אַדרעס פון זיין קרוב, און ער איז אַרויפגעגאַנגען צו איהם אין שטוב, און פאַרברענגט מיט איהם אַ שטיק צייט.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די זאַך האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי דעם גאון'ס באַגלייטער, ווייל יענער קרוב איז געווען אַ פשוט'ער שוסטער, און פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי באַמיט איהם אויפצוזוכן כדי צו רעדן מיט איהם וועגן מילי דעלמא. האָט רבי עקיבא איגר זיי געגעבן צו פאַרשטיין די סיבה דערפאַר, ווי פאָלגענד: מיר געפינען ביי די מצוה פון השבת אבידה (דברים כב, א) אַז כאָטש מ'טאָר זיך נישט פאַרהוילן ווען מ'זעט אַן אָקס אָדער אַ לעמעלע ווי עס איז פאַרלוירן געוואָרן, זאָגן די חז"ל (ב"מ ל.) "והתעלמת - פעמים שאתה מתעלם", אין געוויסע פעלער, מעגסטו זיך יאָ פאַרהוילן פון דיין ברודער'ס אבידה, צום ביישפיל, אויב ער איז אַ זקן, און עס פּאַסט נישט פאַר זיין כבוד אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט די השבת אבידה פון אַ צוויטען. האָט רבי עקיבא איגר געזאָגט, דאָס איז גאַנץ רעכט דאָרט וואו דער פסוק זאָגט אַז מ'מעג זיך פאַרהוילן, אָבער ביי קרובים, זאָגט דער נביא (ישעיה נח, ז) "ומבשרך לא תתעלם", דו זאָלסט זיך נישט פאַרהוילן און מאַכן נישט-וויסנדיג פון דיין פאַמיליע-קרוב, און מיר געפינען נישט אַ וועג פון אַ היתר מקיל צו זיין אין דעם ענין. ממילא קומט אויס, אַז פון אַ קרוב, טאָר אויך אַ "זקן ואינו לפי כבודו" זיך נישט פאַרהוילן, און וועגן דעם, בין איך געווען מחויב מצד הדין, אויפצוזוכן מיין קרוב אין וואַרשע...

די משנה זאָגט (אבות פ"ג מ"ט) "כל שמעשיו מרובין מחכמתו חכמתו מתקיימת, וכל שחכמתו מרובה ממעשיו אין חכמתו מתקיימת". אויב דער מענטש האָט מער מעשים טובים ווי חכמה, האַלט זיך ביי איהם די חכמה, אָבער אויב ער האָט מער חכמה ווי מעשים טובים, האָט די חכמה ביי איהם נישט אַ קיום. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס לערנען תורה דאַרף זיין "על מנת לקיימה", כדי מקיים צו זיין דאָס וואָס מ'לערנט. דאָס זעלבע איז בנוגע חנוכה, כאָטש מ'איז זוכה אין דעם יום טוב צו גרויסע השפעות, פונדעסטוועגן דאַרף

---

לויט דעם טייטשן די ספרים די ווערטער אין פייט "ידיד נפש", מיר בעטן ביי דעם אויבערשטען, "ותיק יהמו נא רחמיך, וחוסה נא על בן אהובך" וכו', "וחוסה נא ואל תתעלם, הגלה נא ופרוס חביבי עלי את סוכת שלומך" (אַז מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה). איי, וועסטו פרעגן, די אידן האָבן דאָך געזינדיגט און עס איז נישט "לפי כבודו" פונעם באַשעפער ברוך הוא אויסצולייזן די אידן פון גלות, אויף דעם זאָגן מיר, "וחוסה נא, ואל תתעלם", וויבאַלד מיר ווערן אָנגערופן קינדער פונעם אויבערשטען, האָט דער אויבערשטער אַ חיוב פון "מבשרך לא תתעלם", און דאָס דאַרף ער מקיים זיין אפי' ווען עס איז "אינו לפי כבודו". דעריבער בעטן מיר: "תאיר ארץ מכבודך, נגילה ונשמחה בך", ווייל מיר קענען שוין נישט אויסהאַלטן דעם שווערן עול פון שיעבוד אין גלות. "מהר אהוב כי בא מועד, וחננו כימי עולם".

מ'דערציילט, אַז אַ איד האָט זיך געזעגנט מיט'ן "חפץ חיים" זצ"ל, זאָגנדיג אַז ער פאָרט אַרויס אויפ'ן וועג און אַז ער האָפט דורכצופאָרן די שטאָט בריסק, און אַריינגיין דאָרט צום מרא דאתרא, דעם גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל. האָט דער "חפץ חיים" געבעטן דעם איד, ער זאָל איבערגעבן פאַר'ן גאון רבי חיים בריסקער. דער איד האָט אַזוי געטוהן. צו זיין וואונדער, האָט רבי חיים איהם צוריקגעשיקט אַ גרוס, און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער זאָל איבערגעבן פאַר'ן "חפץ חיים" די פאָלגענדע דריי זאַכן:

א. אַ גרוס פאַר די מענטשן פון ראַדין וואָס פאַרמאָגן נישט קיין הייזער.

ב. ער זאָל זאָגן פאַר דעם "חפץ חיים", אַז ער וויל איהם שוין זעהן באַרוועס...

ג. ער (דער "חפץ חיים") זאָל טראָגן שטיינער אויפ'ן האַרץ...

דער איד האָט זיך געזעגנט, און איז געפאָרן ווייטער אין וועג. ווען ער איז שפּעטער צוריקגעקומען אַהיים קיין ראַדין, האָט ער זיך געשעמט איבערצוגעבן פאַר'ן "חפץ חיים" די שליחות פון רבי חיים בריסקער. דער "חפץ חיים" האָט איהם אָבער געפרעגט וואָס דער בריסקער רב האָט געזאָגט, און נאָך דעם ווי דער "חפץ חיים" האָט געדרוקט אויף איהם ער זאָל איהם זאָגן וואָס רבי חיים האָט געזאָגט, האָט דער איד איבערגעגעבן די דריי זאַכן וואָס רבי חיים האָט געזאָגט (כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון די ווערטער).

הערנדיג די דריי זאַכן וואָס רבי חיים בריסקער האָט באַפוילן איבערצוגעבן פאַר איהם, האָט דער "חפץ חיים" ממש ווי אויפגעלויכטן, און געזאָגט מיט זיין גרויס עניוות:

- הלוואי זאָל איך זוכה זיין צו זיין אַפילו אַ 'כהן הדיוט'...

זעהענדיג אַז דער שליח פאַרשטייט נישט די כוונה פון זיינע ווערטער, האָט דער "חפץ חיים" איהם געזאָגט, אַז ערשטנס, דאָס וואָס רבי חיים בריסקער האָט געשיקט אַ גרוס פאַר "די מענטשן פון ראַדין וואָס פאַרמאָגן נישט קיין הייזער", האָט ער געמיינט צו זאָגן, פאַר די ערליכע אידן, די יראי שמים, וואָס וואוינען אין שטאָט, וואָס זיי "פאַרמאָגן" נישט אַ "הויז", ווי מיר זאָגן אין תהלים (קלה, יט-כ) "בית ישראל ברכו את ה', בית אהרן ברכו את ה', בית הלוי ברכו את ה'", אָבער ביי "יראי ה'", שטייט נישט "בית יראי ה'", נאָר סתם "יראי ה' ברכו את ה'"... ווייל די ערליכע אידן פאַרמאָגן נישט אַ הויז...

די צווייטע זאַך וואָס רבי חיים האָט געווינטשן אַז ער וויל זעהן איהם - דעם "חפץ חיים" - באַרוועס, האָט דער "חפץ חיים" אויפגעקלערט, אַז די כוונה דערפון איז, אַז דער בית המקדש זאָל אויפגעבויט ווערן במהרה בימינו, און דער "חפץ חיים" (וועלכער איז געווען אַ כהן) זאָל זוכה זיין צו טוהן די עבודה אין בית המקדש אַלס אַ כהן, וואָס די כהנים טראָגן נישט זייערע שיך בשעת די עבודה... און די דריטע ברכה, אַז ער זאָל טראָגן שטיינער אויף זיין האַרץ, איז די כוונה פון רבי חיים'ס ווינטש געווען, אז ער זאָל זוכה זיין צו זיין דער כהן גדול און טראָגן די שטיינער פון חושן אויף זיין האַרץ (און אויף דעם האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט מיט זיין עניוות, אַז הלוואי זאָל ער זוכה זיין צו טוהן די עבודה אין בית המקדש, כאָטש אַלס אַ 'כהן הדיוט'...).

דער הויפט-ציל פונעם מענטש זיין איינצוואָרצלען די קדושה אין האַרץ, און פאַר דעם צוועק, פאָדערט זיך אַ גרויסע הכנה.

**לויט** ווי דער מענטש גרייט זיך צו זיין אַ "כלי קיבול" אויפצונעמען די קדושה, אַזוי קען ער געניסן פון דעם אור און פון די שפע, ווי מיר געפינען ביי די מעשה פון אלישע און די שונמית, ווען זי האָט זיך באַקלאָגט פאַר אלישע איבער איר אָרימקייט, האָט אלישע איר באַפוילן (מ"ב ד, ג) "לכי שאלי לך כלים מן החוץ מאת כל שכניך, כלים רקים אל תמעיטי", גיי און באָרג כלים פון דרויסן, פון אַלע דיינע שכנים, ליידיגע כלים זאָלסטו נישט פאַרמינערן (צו ברענגען). לויט וויפיל כלים זי האָט צוגעגרייט פון פריער, אַזוי האָט זי געקענט באַקומען פונעם אויל וואָס האָט גערינען בדרך נס, אָן אַ גרעניץ און סוף.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ביי דעם אויבערשטען איז דאָך עס אַ קליינינגקייט צו מאַכן נאָך אַ נס, אַז עס זאָלן באַשאַפן ווערן נייע כלים, אין צוגאָב צו די כלים וואָס זי האָט געהאַט. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט זי געדאַרפט באָרגן כלים פון אירע שכנים?

**איז** דער תירוץ, אַז פון דעם וואָס דער אויבערשטער האָט נישט באַוויזן אַזאַ נס, אַז עס זאָלן באַשאַפן ווערן כלים צו האַלטן דאָס אויל, איז געדרינגען אַז דער מענטש קען נישט זוכה זיין צו אַ נס, אויב ער טוט נישט פאָראויס אַליין אַ פעולה. דעריבער, אין די מינוט וואָס די כלים האָבן זיך געענדיגט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט די השפעות פונעם אויל.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז כדי זוכה צו זיין צום שפע פון נס און פון די לעבטיגקייט, דאַרף מען קודם צוגרייטן די "כלים" אויפצונעמען די שפע, און ווען מ'האָט די כלי אויפצונעמען די הייליגע השפעות, קען מען געניסן פון די השפעות וואָס ווערן נשפע אין יום טוב חנוכה, אויף אַן אופן פון "אַכט", אַ צאָל וואָס איז העכער פון דרך הטבע[כד].

### מעוז צור ישועתי - די גרויסע עת רצון ביי הדלקת הנרות

**די** סגולה פון מצות הדלקת נרות חנוכה איז גאָר גרויס[כה].

**די** גמרא זאָגט (שבת כג:) "הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים". זאָגט רש"י: "על יד נר מצוה דשבת וחנוכה בא אור דתורה", וויבאַלד דורך די לעכט פון שבת און חנוכה קומט אַן אור פון תורה, איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

**אויך** זאָגט דער רבינו בחיי (שמות יט, ג, מובא במג"א או"ח סי' רסג סק"א) אַז ווען די פרוי צינדט אָן די שבת לעכט, דאַרף זי דעמאָלטס מתפלל זיין אַז אירע קינדער זאָלן האָבן הצלחה אין תורה[כו]. "שיתן לה ה' בנים מאירים בתורה, כי התפילה יותר נשמעת בשעת עשיית המצוה", אַז דער אויבערשטער זאָל איר געבן קינדער

---

**כד.** אַמאָל שמיני עצרת, ביים טיש פון הוסיאַטינער רבי'ן, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, האָט מען דערלאַנגט אַ סאַך פלעשלעך וויין צו טרינקען, אָבער עס זענען נישט געווען גענוג גלעזער אָנצוגיסן דאָס וויין און אויסטיילן צווישן דעם עולם. האָט איינער פון די חסידים וואָס איז געזעסן ביים טיש, געזאָגט צו די משמשים, אַז עס איז דאָ אַ סאַך וויין, אָבער עס פעלן גלעזער. האָט דער הוסיאַטינער (וועלכער פלעגט געוועינליך שווייגן ביים טיש, זיצנדיג פאַרטיפט אין זיינע הייליגע געדאַנקען) זיך אָנגערופן:
- ס'איז דאָ אַ גרויסע שפע, נאָר עס פעלן די כלים...

**כה.** צוערשט דאַרף מען אָנצינדן דעם אור אין האַרץ, און מפרסם זיין דעם נס אין די אייגענע מחשבה, ווי דער גור'ער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט געזאָגט, אַז מיר געפינען צוויי חלקים פון הדלקה, איינס, "נר איש וביתו", און דאָס צווייטע, "מניחה על פתח ביתו מבחוץ". דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אָנהייב פונעם חיוב איז מפרסם צו זיין אין אייגענעם "בית" - דאָס הייסט, אין פנימיות פון האַרץ, דעם גרויסן נס, און דורך דעם קען מען אַריינשיינען דעם אור פון חנוכה אויך אין אַנדערע מענטשן, וואָס שטייען "מבחוץ", און משפיע זיין אַז אויך זיי זאָלן קענען געניסן פונעם אור.

**כו.** הרה"ק בעל "בית אברהם" פון סלאָנים זצ"ל פלעגט דערציילן אין די טעג פון חנוכה, אַז זיין עלטער-זיידע, הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זצ"ל, איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין משמש אויף דער גאַס. איז צוגעקומען אַ פרוי

וואָס לייכטן אין תורה, ווייל די תפילה ווערט בעסער געהערט אויב מ'זאָגט עס בשעת מ'איז מקיים אַ מצוה.

**דער** יסוד דערפון איז אין תוספותא (מע"ש פ"ה, הי"ד) "כל העוסקים במצות, פיהם פתוח בתפלה לפני המקום", יעדער וואָס טוט אַ מצוה, עפנט זיין מויל מיט תפלה פאַר'ן בוכ"ע. דאָס איז באַזונדערס געזאָגט געוואָרן ביי אַ מצוה פון לעכט-צינדן, וואָס איז מסוגל אויף קינדער עוסקים בתורה ובמצוות[כז].

**דער** מהרש"א שרייבט אויף די גמרא (ע"ז יט.) ביי די מעשה פון רבי מאיר בעל הנס, וואָס ער האָט

---

און געפרעגט ווער עס איז דער רבי, ווייל זי דאַרף אַ ישועה. האָט דער משמש געוויזן אויפ'ן רבי'ן, און דער "יסוד העבודה" האָט געוויזן אויפ'ן משמש... האָט די פרוי געשריגן: "איך דאַרף אַ ישועה, ווער פון אייך איז דער רבי?!".

האָט דער "יסוד העבודה" איר געפרעגט וועלכע ישועה זי דאַרף, און די פרוי האָט געענטפערט, אַז איר טאָכטער איז ליידער אַראָפּ פון אידישן וועג, און זי איז שוין עטליכע טעג נישט אינדערהיים.

האָט דער "יסוד העבודה" געפרעגט, צו די טאָכטער האָט איבערגעלאָזט קליידער אינדערהיים. האָט די פרוי געענטפערט אַז יאָ, זי האָט איבערגעלאָזט בגדים אין שטוב. האָט דער "יסוד העבודה" איר געהייסן צורייסן איר טאָכטער'ס קליידער, און מאַכן דערפון פתילות, קנויטן, און מיט די פתילות זאָל זי צינדן די שבת-לעכט קומענדיגן פרייטאָג.

אינמיטן די שבת'דיגע סעודה, איז די טאָכטער געקומען צו לויפן אַהיים מיט אַ געוויין, זי ווייסט נישט וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט, עפּעס אַ רוח רעה רח"ל איז אין איר אריינגעגאנגען, און זי האָט חרטה אויף אַלע אירע מעשים.

ביים דערציילן די מעשה חנוכה, האָט דער "בית אברהם" געזאָגט, אַז דער ענין דערפון איז געווען, ווען מ'האָט געצונדן די לעכט מיט די פתילות פון אירע בגדים, האָט זיך אויפגעוועקט אין איר מח דער כח הקדושה.

און דער "בית אברהם" האָט צוגעגעבן: דאָס איז דער ענין פון "להדליק נר חנוכה", מ'זאָל אָנצינדן דעם מח מיט'ן כח פון די הייליגע חנוכה לעכט.

עס דערציילט אַ ראש ישיבה פון ירושלים, וואָס פּאַרעט זיך מיט "פירות הנושרים", בחורים וואָס זיינען ליידער שוואַך אין אידישקייט. אַמאָל איז אַ בחור פון אַ רייכע היים פאַרפאָרן זייער נידעריג רח"ל, און האָט זיך אַפילו פאַרבונדן מיט אַ מכשף רח"ל.

אַמאָל חנוכה, האָט דער בחור, זייענדיג אין זיין טאַטן'ס הויז, גערעדט מיט'ן מכשף אויפ'ן טעלעפאָן, און אינמיטן טעלעפאָן געשפרעך זאָגט איהם דער מכשף: "וואו ביזטו, איך האָב דיך נישט פאַר מיר!...". ענטפערט דער בחור, "איך געפין זיך אויפ'ן זעלבן אָרט וואו כ'בין געווען ביז יעצט". פרעגט איהם דער מכשף: "אָבער וואו דרייסטו זיך יעצט?"

האָט דער בחור געענטפערט: "איך דריי זיך דאָ אין סאַלאָן (דיינינג רו"ם), און איך קוק אויף די חנוכה לעכט!". האָט דער מכשף איהם געהייסן אַרויסגיין פון צימער, און דאַן האָט ער ווייטער געקענט "אַרבעטן" מיט איהם רח"ל.

אַוודאי דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו אַזעלכע מעשיות צו גלייבן אינעם כח פון די חנוכה לעכט, אָבער ס'איז גוט דאָס צו געדענקען, ווי דער "קב הישר" שרייבט (פרק צ"ו) אַז די חנוכה לעכט האָבן אַ "קדושה גדולה ונפלאה עד אין שיעור", און ער הייסט אָנטוהן אַ ספעציעלן בגד "לכבוד מלאכין קדישין", וואָס קומען אַריין אין יעדן אידישן הויז, צו ענטפערן "אמן" אויף די ברכות וואָס מיר מאַכן ביים צינדן די חנוכה לעכט. מלא"ך גימטריא אמ"ן, עיי"ש.

**כז.** הרה"ק מהרי"ד מבעלז זי"ע האָט געזאָגט אויף זיך, אַז עס איז נישט אַדורכגעגאַנגען ביי איהם אַ "שמונה עשרה" וואָס זיין אויג איז געבליבן טרוקן, ווייל ער האָט שטענדיג מתפלל געווען "אויף מיין אהר'לע", אַז ער זאָל וואַקסן גרויס אין תורה און יראת שמים, דאָס איז דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע. אויב דער טאַטע, דער פריהערדיגער בעלזער רב, האָט געדאַרפט פאַרגיסן טרערן אַז זיין זוהן, דער צדיק יסוד עולם, וואָס איז געווען אַ קדוש מרחם אמו, זאָל אויסוואַקסן גרויס אין תורה און יראת שמים, איז דאָך אַוודאי געוויס, כל שכן וקל וחומר, בן בנו של קל וחומר, אַז אַזעלכע פשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, דאַרפן מתפלל זיין אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בשמחה ובחדוה.

געהייסן דעם שומר פון תפיסה ער זאָל זאָגן "אלקא דמאיר ענינו". פרעגט דער מהרש"א, מיר ווייסן דאָך אַז "אין הקב"ה מייחד שמו על החיים", די רבש"ע באַציט נישט זיין נאָמען אויף לעבעדיגע מענטשן (תנחומא תולדות סי' ז, פא), אויב אַזוי, אַז רבי מאיר האָט נאָך געלעבט, ווי אַזוי האָט ער געקענט זאָגן "אלקא דמאיר ענינו"?

**זאָגט** דער מהרש"א (אין צווייטן תירוץ), אַז מיט די ווערטער "אלקא דמאיר ענני" האָט רבי מאיר בעל הנס נישט געמיינט זיך, נאָר "דמאיר לנו במלכות יון הקודמת". דער אויבערשטער וואָס ער האָט פאַר אונז באַלויכטן אין די פריערדיגע זמנים פון מלכות יון, דאָס זענען די נרות פון חנוכה.

**עס** שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (מאמר הלל והודאה, אות א') אַז אין זכות פון הדלקת נר חנוכה איז מען זוכה גערּאַטעוועט צו ווערן פון גיהנום, ווייל עס איז דאָך באַקאַנט פון די מקובלים אַז דער גיהנום געפינט זיך אויף צפון-זייט פון דער וועלט, און צפון-זייט איז דאָך צו לינקס פון מזרח-זייט. ממילא, דורך דעם וואָס מ'צינדט חנוכה-לעכט אויף די לינקע זייט פון די טיר, איז מען זוכה געראַטעוועט צו ווערן פונעם פייער פון גיהנום.

---

דער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, פלעגט טאַקע שטענדיגן זאָגן, אַז "ווי אַזוי קען מען זוכה זיין צו ערליכע קינדער, אויב עס גייט אַריבער אַ 'שמונה עשרה' אָהן פאַרלאָזן טרערן...".

הרה"ק מהר"א מבעלז זי"ע אַליין פלעגט אויך זאָגן, אַז דערפאַר האָבן די אנשי כנסת הגדולה נישט מתקן געווען אַ ספּעציעלע תפילה אויף די הצלחה פון די קינדער, ווייל צוליב די וויכטיגקייט פון די בקשה, האָבן זיי חושש געווען אַז די מקטרגים וועלן זיך אָהנכאַפּן ח"ו דערין און זיי וועלן נישט צולאָזן אַז אַזאַ חשוב'ע תפלה זאָל אַרויפגיין אין הימל. וועגן דעם האָבן זיי דאָס מרמז געווען אין די ברכה פון "מודים": "לדור ודור נודה לך ונספר תהלתך". דעמאָלס קען דער מענטש מכוון זיין אויף די הצלחה פון זיינע קינדער אין אַלע דורות, אַז זיי זאָלן גיין אויפ'ן וועג פון די תורה.

די תפילה פון די עלטערן פועל'ט פאַר די קינדער, ווי דער "ספורנו" זאָגט (בראשית לב, א) אויפ'ן פסוק "וישכם לבן בבוקר וינשק לבניו ולבנותיו ויברך אתהם". די גמרא זאָגט (ברכות ז.) "אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך", די ברכה פון אַ פּשוט'ן מענטש טאָהר נישט זיין לייכט אין דיינע אויגן. די תורה דערציילט דעריבער וועגן לבן'ס ברכה פאַר זיינע טעכטער, צו ווייזן אַז די ברכה וואָס אַ טאַטע בענטשט זיינע קינדער מיט'ן גאַנצן האַרץ, איז אַוודאי ראוי עס זאָל מער חל זיין, "בסגולת צלם אלקים המברך", מיט די סגולה פונעם "צלם אלקים" פון דעם מענטש וואָס גיט די ברכה, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כז, ד) "בעבור תברכך נפשי", און אויב די ברכות פון לבן הארמי האָבן געהאָלפן פאַר זיינע טעכטער, איז דאָך אַוודאי אַז די תפילה פון יעדן איד פועל'ט אַלע גוטע השפעות.

אינטערעסאַנטע ווערטער שרייבט דער "צרור המור" (פרשת וישב), אויפ'ן פסוק (בראשית לז, לה) "ויבך אותו אביו", און דערנאָך זאָגט דער פסוק (פסוק לו) "והמדנים מכרו אותו אל מצרים". זאָגט דער "צרור המור", אַז אויב יעקב אבינו ע"ה וואָלט נישט מתפלל געווען פאַר יוסף, וואָלט ער אָהנגעקומען צו אַן אינדזל וואָס איז גאָר ווייט פון ארץ ישראל, נאָר די טרערן און די תפלות פון יעקב האָבן געהאָלפן אַז יוסף זאָל זיך נישט דאַרפן וואַלגערן איבער דער וועלט, און ער איז אנשטאט אַראָפּגעגאַנגען קיין מצרים, וואו פוטיפר האָט איהם געקויפט אַלס אַ קנעכט און האָט איהם שפּעטער באַשטימט אָהנצופיהרן מיט זיין הויז.

דער גאון בעל "חזון איש" זצ"ל האָט געזאָגט, אַז מ'זעהט אַמאָהל אַן ערליכע פרוי איז מתפלל ביי די שבת-לעכט אַז אירע קינדער זאָלן זיך פיהרן ערליך, און ווען זי זעהט אַז די תפלות האָבן נישט געהאָלפן, ווערט זי טרויעריג. דער אמת איז אָבער, אַז זי טאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר זי זאָל ווייטער מתפלל זיין און האָפען צום אויבערשטען, ווייל דאָס וואָס מ'זעהט אַ סאַך מאָהל ביי בחורים און יונגלעך אַז זיי ווערן פלוצלינג נתעורר צו עבודת ה' און אַן אמת'ן רצון צו ווערן גוט, איז צוליב די תפילות וואָס אַ באבע פון דאָזיגן יונגען בחור האָט פאַרגאָסן אַ סאַך יאָהרן פריהער, נאָר די תפילה איז נישט אָהנגעקומען צו איר אָרט ביז יעצט, און דאָס האָט יעצט גורם געווען אַז איר אייניקל זאָל אויסוויילן דעם ערליכן וועג.

ענליך האָט געזאָגט אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, "די טרערן פון די באבעס פועל'ן אַז זייערע קינדער זאָלן זוכה זיין צו חשק התורה".

**דער** בעל הטורים (פרשת תרומה) שרייבט, אַז אין די פרשה פון די מנורה איז נישט דאָ אַן אות סמ"ך (וואָס ווייזט אויפ'ן שטן), אונז צו לערנען, אַז דאָרט וואו מ'צינדט לעכט, איז נישט דאָ אַ שטן און נישט אַ מזיק ח"ו. ממילא, לויט ווי מיר האָבן שוין מערערע מאָל געזאָגט אַז דאָס צינדן חנוכה לעכט איז ענדליך צו די עבודה פון צינדן די מנורה אין בית המקדש, זעהען מיר פון דעם אַז אויך ביי הדלקת נרות חנוכה איז נישט דאָ אַ שטן און אַ מזיק ח"ו [כח].

**צדיקים** האָבן געטייטשט דעם פסוק (תהלים קיח, א) וואָס מיר זאָגן אין הלל, "מן המיצר קראתי י-ה ענני במרחב י-ה". "מרחב" באַטרעפט 250, אַזוי ווי "נר". דאָ איז מרומז, אַז ווען מ'צינדט נרות של מצוה, איז מען בכח אַרויסצוגיין פון אַלע ענגשאַפטן ("מן המיצר") און פּראָבלעמען, און מ'איז דעמאָלטס זוכה צו אַ גרויסע הרחבה.

**הרה"ק** בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט (מובא בס' "שפת אמת", חנוכה תרל"א, דיבור הראשון) אַ טעם פאַרוואָס מ'מאַכט די ברכה "שעשה נסים", נאָר ביים צינדן די לעכט, און נישט אַזוי ווי "שהחיינו" וואָס על פי הלכה קען מען אויך זאָגן ווי און ווען מען דערמאָנט זיך (עירובין מ:), ווייל די ניסים ווערן נתעורר בשעת מען צינדט די לעכט, און דעריבער קען מען עס זאָגן נאָר ביים צינדן די חנוכה-לעכט.

**עס** ווערט געברענגט אין ספר "אמונת משה" (חנוכה, אות מט) אין נאָמען פון זיין פעטער, הרה"ק בעל "ישמח ישראל" זי"ע פון אלכסנדר, אַז דער מענטש וואָס האָט אויגן צו זעהן, איז זוכה צו זעהן דעם שם הוי' ב"ה אין די חנוכה-לעכט.

**אַוודאי** האָבן פּשוט'ע מענטשן ווי מיר זענען, נישט קיין השגה אין אַזעלכע געהויבענע זאַכן, אָבער ווען מ'צינדט די לעכט, דאַרף מען כאָטש וויסן וואָס מ'טוט, און צו וואָס מ'איז זוכה דורכ'ן צינדן די הייליגע חנוכה-לעכט [כט].

**דער** סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, טייטשט דעם פסוק (משלי כ, כז) "נר ה' נשמת אדם חופש כל חדרי בטן". "חופש" איז פון לשון

---

**כח.** עס ווערט געברענגט אין ספר "שיח הפרשה" (פ' תרומה) להגה"ח רבי חיים יצחק שווירץ ז"ל, אַז זיין זיידע, הרה"צ רבי שלמה אלטער זצ"ל (אייניקל פונעם "חידושי הרי"ם" זי"ע, און דער יונגערער ברודער פון הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע) האָט זיך געפיהרט, אָהנצוצינדן אַ לעכט יעדעס מאָהל ווען מ'האָט זיך גענויטיגט אין שטוב אין אַ ישועה, צוםביישפּיהל, ווען עס איז געווען אַ חולה אָדער אַ יולדת אין הויז, און אפילו ווען עס איז געווען אינדרויסן אַ שווערער וועטער, האָט מען אָהנגעצונדן אַ לעכט פאַר אַ ישועה. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אַזוי צוגעזעהן ביי זיינע הייליגע עלטערן. כאָטש רבי שלמה'לע אַליין האָט נישט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס ער פיהרט זיך אַזוי, אָבער לויט די ווערטער פונעם "בעל הטורים" איז פאַרשטענדליך, ווייל דורך הדלקת נרות איז מען מבטל דעם כח פון די קליפּות און משטינים.

**כט.** אין צאַנז און אין שינאָווע, איז געווען איינגעפירט צו וואַרפן האַנטוכער אויף דעם שמש וואָס צינדט די חנוכה-לעכט אין שול (מ'פלעגט אַמאָל אויך הייסן מענטשן וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, זיי זאָלן פּרובירן צו זיין פון די וואָס צינדן די לעכט אין בית המדרש, און אַזוי האָבן זיי זוכה געווען צו גרויסע וואונדערליכע ישועות). אַזוי האָט זיך אויך געפירט הרה"ק רבי איציקל פּשעוואָרסקער זי"ע.

אַמאָל האָט הרה"ק רבי איציקל געזאָגט אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו וואַרפן האַנטוכער, אָבער ווען ס'איז געקומען צום צינדן, און קיינער האָט נישט געוואָפן האַנטוכער, האָט ער אַליין גענומען אַ האַנטוך, און געוואָרפן אויף דעם וואָס האָט געצונדן די לעכט.

אַוודאי האָבן מיר נישט די מינדעסטע השגה אין די געהויבענע ענינים וואָס ליגן אין דעם, אָבער חסידים האָבן געזאָגט אַ טעם, אַז די צייט פון צינדן די לעכט איז גאָר געהויבן, און צוליב דעם, ווייל דער שטן - דער יצר הרע - שטערן דעם מענטש ביים טוהן די מצוה, און דערפאַר וואַרפט מען האַנטוכער, כדי צו פאַרדרייען דעם שטן אַז ער זאָל נישט מבלבל זיין אידישע קינדער ביי די הייליגע עבודה פון הדלקת נרות חנוכה.

פון דעם זעהען מיר די הייליגקייט פון דעם זמן וואָס מ'צינדט די לעכט, אַז מ'האָט זיך גענויטיגט באַנוצן מיט פאַרשידענע תחבולות כדי צו פאַרטרייבן די קליפּה אַ עס זאָל נישט שטערן די עבודה פון חנוכה-לעכט צינדן.

באַפרייען, ווי דער פסוק זאָגט (שמות כא, כו) "לחפשי ישלחנו", ער זאָל איהם אַרויסשיקן פריי. דער פסוק מרמז, אַז דער אור פון די חנוכה-לעכט "באַפרייט" אידישע נשמות פון אַלע שלעכטע פסולת, וואָס האָט זיך אָנגעקלעבט פון זיי דורכ'ן גאַנצן יאָר.

**אין** דער צייט ווען אידן צינדן חנוכה-לעכט, עפענען זיך אַלע טויערן פון הימל פאַר זייערע תפילות, ווי דער טשאָרטקוב'ער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, זאָגט ("ישמח ישראל", חנוכה, שנת תרצ"א, ד"ה "בחכמה") אויפ'ן נוסח התפלה (ברכת קרי"ש בערבית) "בחכמה פותח שערים". שמן זית איז מרמז אויף חכמה (זוה"ק ח"ג לד.). אויף דעם זאָגן מיר: "בחכמה" - ווען מ'צינדט די חנוכה-לעכט מיט שמן זית. "פותח שערים" - עפענט מען אַלע טויערן פון הימל, און עס קומט אַראָפּ אַ גרויסע שפע אויף דער וועלט.

**דעמאָלטס** ווערן אויך נתעורר די זעלבע ניסים און נפלאות צו וועלכע די הייליגע חשמונאים האָבן זוכה געווען בימים ההם בזמן הזה, ווי עס שטייט אין ספה"ק "ייטב פנים" ("מאמר הוד והדר, אות ב') אַז דער שורש פון מצות הדלקת נרות חנוכה איז, "כדי לעורר נסים ונפלאות גם עתה", כדי מעורר צו זיין די זעלבע נסים ונפלאות אויך יעצט.

**אויף** אַן אַנדער אָרט (שם, אות כו) שרייבט דער "ייטב פנים", "זהו עיקר תשמישן, להיוושע בהם גם היום" דער עיקר פון זיך באַנוצן מיט די חנוכה-לעכט, איז אַז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן מיט זיי אויך היינט.

**צדיקים** האָבן טאַקע געזאָגט, אַז עס איז נישט דאָ נאָך אַ חפץ אויף דער וועלט וואָס איז אַזוי מסוגל צו מעורר זיין ניסים, אַזוי ווי די חנוכה-לעכט, ווייל דער עצם לעכט איז דאָך אַ חפץ פון ניסים און נפלאות.

**דער** מקובל רבי חיים פאלאג'י זי"ע שרייבט אין זיין ספר "רפואה וחיים" (אות עא) אַז אין דער צייט ווען מ'צינדט חנוכה-לעכט, ווערט אַן "עת רצון" אין הימל[ל], און עס ווערט בטל מדת הדין, און עס ווערט נתעורר מדת הרחמים אויף דער וועלט.

**ער** ברענגט אין נאָמען פון זוהר הקדוש, אַז ווען מ'האָט געצונדן די מנורה אין בית המקדש, האָט עס מעורר געווען מדת הרחמים אויף דער וועלט, אַזוי ווי ביי תקיעת שופר ראש השנה, און אַזוי אויך הדלקת נרות חנוכה (וואָס איר שורש איז פון די מנורה אין בית המקדש) איז מעורר רחמים און חסדים מרובים, אַזוי ווי תקיעת שופר אין ראש השנה[לא].

---

**ל.** דער "בני יששכר" (כסלו-טבת, מאמר ד', אות סה) שרייבט, אַז כאָטש געווענליך זענען די טויערן פון גן עדן פאַרמאַכט אין די שעה'ן פון דער נאַכט, אָבער פון די ווערטער פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע איז משמע, אַז ווען מ'צינדט חנוכה-לעכט, זענען די טויערן פון גן עדן אָפען, אפי' אין די אָוונט-שעה'ן.

דער גור'ער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט געזאָגט, עס איז באַקאַנט אַז די סימנים אין טור און שולחן ערוך, און אויך אין די אַנדערע ספרי המצוות, האָבן אַ רמז און אַ פאַרבינדונג מיט די מצוות וועגן וועלכע זיי רעדן (זעה ספה"ק "אגרא דכלה", פ' נשא, על מצות וידוי, ועוד), און די דינים פון חנוכה זענען אין שולחן ערוך אורח חיים סימן עת"ר און ווייטער. זאָגט דער "בית ישראל", תר"ע איז ענדליך צום וואָרט "תרעא", וואָס אויף די אַרמ'ישע שפּראַך מיינט עס, אַ טויער. איז דער רמז, אַז דורך צינדן חנוכה-לעכט, ווערן געעפענט אַלע טויערן פון ברכה און הצלחה. און אויב די חז"ל זאָגן (ב"ק פ:) "ודלת הננעלת לא במהרה תפתח", אַ טיר וואָס ווערט פאַרמאַכט, ווערט נישט אַזוי שנעל צוריק געעפענט, איז דאָך אַ קל וחומר, "מדה טובה מרובה", אַז אויב מ'איז זוכה צו "תרעין פתיחין" - אָפענע טויערן - אין הימל, איז דאָך אַוודאי אַז עס ווערט נישט אַזוי שנעל פאַרמאַכט, ווייל יעצט איז דער טויער אָפען פאַר אַלע תפילות און בקשות וואָס גייען אַרויף לרצון, סיי אויף ישועות בדרך הטבע, און סיי אויף ישועות און רפואות למעלה מדרך הטבע.

**לא.** איינער פון די חסידים פון כ"ק אדמו"ר מבאיאן-לייפציג זצ"ל, הרה"ח ר' מאיר פישמאַן ז"ל, האָט געבעטן ביים רבינ'ס משמש, הרה"ח ר' ישראל שמעון ראַבינאָוויץ ז"ל, ער זאָל באַקומען פון רבי'ן פאַר איהם אַ מטבע לשמירה, אַריינצולייגן אין זיינע תכריכים לאחר מאה ועשרים (בדרך צחות קען מען זאָגן, אַז ס'איז בעסער אַז מ'נעמט מיט אין די הענט אַלס שמירה, אַ פּאָר טויזענט בלעטער גמרא וואָס מ'האָט געלערנט בקדושה ובטהרה... אָבער דאָס איז אויך אַ שמירה, אַ מטבע פון רבי'ן), אָבער דער באַיאַנער רבי האָט איהם כסדר מדחה געווען, זאָגענדיג, "ער וועט מאריך ימים זיין".

**צדיקים** האָבן געזאָגט אַ רמז (אַזוי שטייט אויך אין "מטה משה", סי' תתקפ"ט, און אין "דעת משה" להרה"ק רבי משה אלקים בריעה מקאזניץ זצ"ל, דרושים לחנוכה), אויף דעם וואָס די קדושה פון די חנוכה לעכט שיינט אַריין אין אידישע הערצער, אין פסוק (במדבר כא, ח) "עשה לך שרף ושים אותו על נס, והיה כל הנשוך וראה אותו וחי". דאָ זענען מרומז די דריי ברכות וואָס מיר מאַכן איידער מיר צינדן חנוכה-לעכט די ערשטע נאַכט חנוכה: "עשה לך שרף", איז מרמז אויף די ברכה פון "להדליק נר חנוכה", ווייל דאָס פייער ברענט. "ושים אותו על נס", איז מרמז אויף די ברכה "שעשה נסים", און "וראה אותו וחי" - די ברכה "שהחיינו". און די חנוכה-לעכט זענען מסוגל, אַז אויך "כל הנשוך", דאָס הייסט, יעדער וואָס געפינט זיך אין אַ נידעריגן מצב ח"ו, "וראה אותו" - דורך דעם וואָס ער קוקט אויף די חנוכה-לעכט. "וחי" קען ער באַקומען אַ ניי חיות, און אויפגעהויבן ווערן פון די נידעריגסטע מדריגה.

**דאָס** איז נישט נאָר ברוחניות, נאָר אויך בגשמיות איז אַזוי. ווען מ'צינדט חנוכה-לעכט, איז אַ שעת הכושר צו פועל'ן רפואות און ישועות אין אַלע ענינים[לב].

**אַזוי** שטייט אין ספר "תורת אבות" (פ' וישב) אין נאָמען פון הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע, אַז הדלקת נרות חנוכה ברענגט אַ רפואה אויף די וועלט.

**די** ספרים טייטשן דאָס אַריין אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן ("יקום פורקן", תפילת שב"ק), "בריות גופא ונהורא מעליא", דעמאָלטס ווען מ'צינדט חנוכה-לעכט ("נהורא מעליא"), ווערט נשפע פון הימל געזונט - "בריות גופא".

**עס** איז טאַקע מסתבר אַז עס איז אַזוי, ווייל אין חנוכה געפינט זיך דאָך די הייליגע שכינה צווישן אונז, "למטה מעשרה", און ווען דער קעניג באַזוכט אין הויז פון זיין קנעכט, קען דער קנעכט בעטן פונעם קעניג

---

איינמאָל חנוכה, זיצנדיג ביי די חנוכה לעכט, ווען דער עולם איז שוין נישט געווען דאָרט, רופט זיך אָן דער לייפציגער צו רבי ישראל שמעון, אַז עס שטייט פון אריה"ק אַז די חנוכה לעכט זאָגן נביאות כנביא המתנבא עפ"י דבר ה', און פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זצ"ל ווערט געברענגט, אַז איידער די שבת לעכט פאַרלעשן זיך, זענען זיי אויך מנבא וואָס עס וועט זיין אַ גאַנצע וואָך.

דערנאָך האָט דער רבי אַרויסגענומען אַ מטבע פון קעשענע, און געזאָגט צום משמש, רבי ישראל שמעון: "גיב עס מאיר'ן, אָבער דערצייל איהם נישט וואָס מיר האָבן דאָ געשמועסט"...

דער משמש איז באַלד געגאַנגען זוכן ר' מאיר'ן, און אדהכי והכי, ביז ער איז אָנגעקומען, האָט מען געדאַרפט אַריינלייגן די מטבע אין ר' מאיר'ס גוף, וואָס האָט זיך שוין געפונען אין טהרה שטיבל רח"ל.

אַוודאי האָבן די צדיקים געהאַט אויגן צו זעהן עתידות ביי די חנוכה לעכט. מיר האָבן נישט קיין אויגן צו זעהן, אָבער אַ קאָפּ האָבן מיר דאָך יאָ ב"ה. אַז מען שטעלט זיך צינדן חנוכה לעכט, דאַרף מען כאָטש אינזינען האָבן וואָס מען טוט, אַז מען גייט דאָ צינדן לעכט וואָס זאָגן נביאות.

**לב.** הרה"ק רבי דוד משה פון טשאָרטקוב זי"ע האט דערציילט, אַז מ'האָט אַמאָל מזכיר געווען פאַר'ן אַפּטער רב זי"ע אַ מענטש וואָס האָט געליטן פון מרה שחורה ל"ע, האָט דער אַפּטער רב געהייסן ער זאָל קוקן אויף די חנוכה לעכט, ווייל צו קוקן אויף די חנוכה לעכט איז מסוגל קעגן מרה שחורה.

עס האָט אונז דערציילט אַ יונגערמאַן פון דער שטאָט קוממיות, אַז אַמאָל ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט ער אַלעס געזעהן דאָפּלט און אומקלאָר ל"ע. ער איז געגאַנגען צו פאַרשידענע דאָקטוירים, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין עצה פאַר איהם בדרך הטבע. דערציילט ער, אַז ביי די חנוכה לעכט, האָט ער זיך גוט אויסגעוויינט ביים קוקן אויף די לעכט, און צומאָרגענס אינדערפרי, האָט ער געזעהן נאָרמאַל ב"ה.

באמת, איז עס נישט קיין וואונדער, ווייל די טעג פון חנוכה זענען דאָך טעג פון ניסים, און די גאַנצע הנהגה פון די בריאה איז למעלה מדרך הטבע. ממילא, קען מען לייכט פועל'ן ישועות אין אַלע ענינים.

כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל פלעגט דערציילן, אַז ער איז אַמאָל שטאַרק נתעורר געוואָרן ביי די חנוכה לעכט פון איינע פון זיינע רבי'ס, און שפּעטער, ווען ער האָט אַליין געצונדן חנוכה לעכט, האָט ער געוויינט דריי שעה ביי די חנוכה לעכט. דעמאָלטס האָט ער זוכה געווען צו דערהויבן ווערן "למעלה למעלה".

אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן. דעמאָלטס וועט דער קעניג ערפילן אַלע זיינע פאַרלאַנגען.

### כי בא אורך קומי אורי - שבת חנוכה

**גוטע** אידן' האָבן געזאָגט, אַז שבת חנוכה האָט מעלות וואָס מ'זעהט נישט אין די אנדערע שבתים פונעם יאָר.

**הרה"ק** רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע האָט עס מסביר געווען ('חשבה לטובה', לחנוכה), לויט ווי מיר זאָגן אין "ועל הניסים", 'מסרת גיבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך". דאַרף מען פאַרשטיין, גאַנץ רעכט, 'גיבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים', איז אַ חידוש, ווייל עס איז געווען אַ נס למעלה מדרך הטבע אַז די שטאַרקע זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון שוואַכע, אָדער אַ גרויסע אַרמיי זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דרייצן חשמונאים, אָבער די ווערטער "טמאים ביד טהורים", און "רשעים ביד צדיקים", זענען אומפאַרשטענדליך, ווייל עס איז דאָך נישט מוכרח בדרך הטבע אַז די צדיקים זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די רשעים ח"ו?

**האָט** געענטפערט דער באַרדיטשובער רב זי"ע, אַז די כוונה איז נישט נאָר אַז די רשעים זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די צדיקים, און די טמאים זענען באַזיגט געוואָרן דורך די טהורים, נאָר די רשעים זענען גאָר געוואָרן 'צדיקים', און די טמאים זענען גאָר געוואָרן טהורים, ווייל צוליב די גרויסע התגלות אלקות וואָס איז דאַן אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט אַדאַנק די ניסים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט די אידן, זענען אַ סאַך פאַרבלאָנדזשעטע אידישע נשמות צוריקגעקומען צו זייער הייליגן שורש, און האָבן תשובה געטוהן.

**זאָגט** רבי העניך אַלכסנדר'ער, אַז דאָס איז שייך אויך אין שבת, ווען דער מענטש קען משיג זיין התגלות אלוקות דורך די התגלות וואָס איז דאָ אין שבת, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לא, יג) 'לדעת כי אני ה' מקדישכם'. ממילא ווען עס קומען זיך צוזאַמען דער טאָג פון שבת, און דער יום טוב חנוכה, איז דאָך אַוודאי גאָר גרויס די התגלות אלקות, און אַפילו דער פשוט'סטער איד קען דעמאָלטס תשובה טוהן און זיך דערנענטערן צום באַשעפער[לג].

**דער** הייליגער ריזשינער זי"ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק רבי שלום שכנא פון

---

**לג.** מען דאַרף אבער געדענקען אז אין די גאר גרויסע זמנים פראבירט די סטן כסדר זיך אריינצודרייען, און אזוי ארום אוועקנעמען די גאנצע מצוה פונעם מענטש רח"ל. כ"ק אדמו"ר מטאלנא זצ"ל (יומא דהילולא כ"ה כסלו, נר א' דחנוכה) פלעגט שטאַרק נתלהב ווערן ביי די חנוכה לעכט. אַמאָל, נאָכ'ן צינדן די חנוכה לעכט, האָט אַן אייניקל וואָס איז אַרומגעלאָפן דאָרט, אַראָפּגעוואָרפן די מנורה. האָט דער טאָלנער רבי זיך אָנגערופן צום אייניקל:

- דו האָסט מיר היינט מזכה געווען, צום ערשטן מאָל אין לעבן, מיט "כבתה אין זקוק לה"!...

אַזוי פירן זיך די אמת'ע עובדי ה', וואָס דינען נישט זיך, נאָר דעם באַשעפער. זיי זענען מקיים דעם "כבתה" אויפ'ן כעס, אויסצולעשן דעם כעס פון זיך.

[אגב, דער טאָלנער רבי זצ"ל פלעגט דערציילן, אַז דער אַנטיניער רבי, הרה"ק רבי חיים זצ"ל, בעל "טל חיים", פלעגט רעדן וועגן דעם וואָס מען מאַכט נישט אַ "שהחיינו" פאַר יציאת נשמה, מען גייט דאָך דעמאָלטס אַריבער לעולם שכולו טוב? איז געווען אַ פלא, אַז דער אַנטיניער רבי האָט טאַקע געמאַכט אַ "שהחיינו" פאַר יציאת נשמה, ווייל ער איז נסתלק געוואָרן ליל א' דחנוכה (שנת תרצ"ב) נאָכ'ן מאַכן דעם "שהחיינו" אויף די נרות חנוכה.

לפלא, אַז אויך דער טאָלנער רבי וועלכער האָט דאָס כמה פעמים דערציילט, איז נסתלק געוואָרן אין דער ערשטער נאַכט חנוכה, נאָכ'ן מאַכן די ברכת "שהחיינו"].

אַן ענדליכע מעשה האָט פאַסירט ביי הרה"ק בעל "בית אברהם" זצ"ל פון סלאָנים. אַמאָל ערב שבת חנוכה, נאָכ'ן צוגרייטן די מנורה מיט די לעכט, איז זיין זון, דער יונגער רבי פון סלאָנים, הרה"ק רבי שלמה דוד יהושע זצ"ל הי"ד, וועלכער איז דאַן נאָך געווען אַ קינד, דורכגעלאָפן און איבערגעדרייט די מנורה. עס איז שוין געווען גאָר נאָנט צו שבת, און מ'האָט שוין נישט געקענט נאָך אַמאָל צוגרייטן די מנורה.

זעהענדיג אַז מ'קען שוין נישט צינדן חנוכה לעכט, האָט דער "בית אברהם" זיך צעשמייכעלט, און געזאָגט:

פראָהבישט זי"ע, אַז אַלע שבתים פון אָנהייב יאָר ביז שבת חנוכה, זענען אין דער בחינה פון דעם וואָס עס שטייט אין פסוק (בראשית א, ב) 'והארץ היתה תוהו ובוהו', די ערד איז געווען פוסט און וויסט, אָבער פון דאָ און ווייטער, זאָגט דער פסוק (שם פסוק ג) 'ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור', די באַשעפער האָט געזאָגט עס זאָל זיין ליכטיג, און עס איז געוואָרן ליכטיג, ווייל עס ווערט נתגלה דער לעכטיגער אור פון שבת דורך די חנוכה לעכט[לד].

**יעדן** שבת פון יאָר, דערהייבט זיך דער מענטש פון גשמיות, און ער ווערט געשפייזט פון אַ העכערע וועלט, ווי הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (ישעיה נח, יג) 'אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי, וקראת לשבת עונג לקדוש ה' מכובד', אַז דער פסוק לערנט אונז, מ'קען איבערדרייען אַלע נידעריגע ענינים (וואָס זענען מרומז אין וואָרט 'רגליך'), אַז עס זאָל ווערן אין דער בחינה פון 'קדוש ה' מכובד'.

**זאָגט** דער 'אבני נזר', אַז דאָס איז אויך דער ענין וואָס מ'דאַרף צינדן לעכט יעדן ערב שבת, צוליב 'שלום ביתו', כדי עס זאָל הערשן שלום צווישן דעם גוף און די נשמה, דורך דעם וואָס דער מענטש ווערט מאַכן אונטערטעניג דעם גוף צו די נשמה, און אַזוי ווערט ער שפירן די זיסקייט פון דעם הייליגן שבת.

**איז** מוסיף אויף דעם זיין זון, הרה"ק בעל 'שם משמואל' זצ"ל (פ' מקץ, לחנוכה, שנת תרע"ט, ליל ב') אַז אין שבת

---

- דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט געהייסן צינדן חנוכה לעכט, האָט געהייסן אַז מ'זאָל זיך יעצט נישט בייזערן!...

כ"ק אאמו"ר מלעלוב זצ"ל פלעגט דערציילן, וואָס ער האָט געהערט פון אַלטע סלאָנימער חסידים (אאמו"ר ז"ל פלעגט דאַווענען אין סלאָנימער שטיבל אין די יונגע יאָרן), אַז נאָך די הסתלקות פון הרה"ק בעל "יסוד העבודה" זצ"ל, איז געווען אַ ספק וועמען אויסצוקלויבן אַלס ממלא מקום (ווייל עס זענען געווען עטליכע אייניקלעך, אריות שבחבורה).

די הכרעה איז אָבער געפאַלן אויף דעם "דברי שמואל", אַז ער זאָל ווערן דער ממלא מקום, צוליב אַ מעשה שהיה:

הרה"ק בעל דברי שמואל זצ"ל, נאָך פון די יונגוויז, האָט אַ גאַנץ יאָר שטאַרק אַריינגעאַרבעט אין די הכנות צו נרות חנוכה. ער פלעגט פאָרן שניידן די אייליבירטן, און איז געשטאַנען ביים אויסקוועטשן דאָס אויל, ביים מאַכן די וואַטע, וכדומה.

אַמאָל אַלס יונגערמאַן, ביים זיידן דער "יסוד העבודה", ערב שבת חנוכה, נאָך דעם ווי דער "דברי שמואל" האָט צוגעגרייט די חנוכה לעכט אין בית המדרש, איז ער אַרויפגעגאַנגען צום חנוכה לעכט צינדן פונעם הייליגן זיידן. דערוויל איז עמיצער אַריינגעקומען אין בית המדרש, און נישט האָבנדיג קיין חנוכה לעכט צו צינדן, האָט ער אָנגעצונדן די מנורה פון רבי שמואל...

ווען דער "דברי שמואל" איז אַראָפּגעקומען פון זיידן'ס דירה, און געזעהן אַז די מנורה זיינע ברענט שוין, האָט ער זיך אָנגערופן:

- אָהָ, עס ברענט שוין?! עס איז דאָך אָבער שוין שפעט צוצוגרייטן נייע לעכט - און ער האָט גענומען אַ לעכט פון חֵלב, און אָנגעצונדן, נישט זאָגנדיג קיין וואָרט.

האָבן די אַלטע סלאָנימער חסידים געזאָגט, אַז די דאָזיגע מעשה האָט מכריע געווען מען זאָל ממנה זיין דעם "דברי שמואל" אַלס ממלא מקום פונעם זיידן דער בעל "יסוד העבודה".

הרה"ח המופלג ר' דוד שלעזינגער פון ירושלים, האָט אַלס בחור געהאַט אַ ספק צו ער איז נכשל געוואָרן אין דעם לאו פון בשר בחלב, און ער האָט אָנגעהויבן פאַסטן. צוזעהענדיג דאָס, האָט זיין פאָטער איהם גענומען צו הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, און דערציילט אַז ער פאַסט צוליב די אויבן דערמאַנטע סיבה. האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

- בחור'ל, כעס און גאוה! אויף די צוויי זאַכן דאַרף מען אַרבייטן, נישט נכשל צו ווערן ח"ו אין דעם.

**לד.** די ספרים שרייבן ('בן איש חי', שנה א, פרשת וישב) אַז דאָס וואָרט 'אור' פון פסוק 'ויהי אור', איז דער פינף און צוואָנציגסטער וואָרט (כמספר כ"ה) פון אָנהייב פרשת בראשית, און ביידע ווערטער קומען מרמז צו זיין אויף די גרויסע לעכטיגקייט וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט אין די חנוכה טעג – חנו 'כ"ה'.

חנוכה איז דער דאָזיגער ענין נאָך פיל שטאַרקער, ווייל די גמרא האָט באַשטימט די צייט פון צינדן חנוכה לעכט 'עד דכליא רגלי דתרמודאי', פאַרוואָס האָב די חז"ל אַוועקגעשטעלט פונקט דעם סימן?

**זאָגט** דער 'שם משמואל', אַז אין דעם איז פאַרהאַן אַ פּנימיות'דיגע כוונה. דאָס קומט מרמז צו זיין, אַז די חנוכה לעכט זענען בכח צו פאַרלענדן ('דכליא') די איינרעדעניש פון די מענטשן וואָס לויפן אַרום מיט זייערע פיס אַ גאַנצע וואָך פאַר פּרנסה, און זיי פאַרלאָזן זיך אויף זייער פאַרמעגן. אויף דעם קומען די חנוכה לעכט און לערנען אונז, אַז מ'דאַרף געדענקען אַז דער באַשעפער פירט די וועלט, און צו דער דערמאַנונג קומען מיר, דורך די חנוכה לעכט.

**דער** 'שם משמואל' פירט אויס: 'ומכל שכן דריגלא דתרמודאי מסתלקין בשבת, וכולהו ערקין לנוקבא דתהומא רבה' - די פיס פון די מענטשן פון תרמוד, וואָס לויפן אַ גאַנצע וואָך נאָך זייערע גשמיות'דיגע באַדערפענישן, ווערן פאַרשוואונדן אין שבת, און זיי פאַלן אַלע אַריין אין תהום ח"ו. אָבער דער איד וואָס איז דבוק אין די חנוכה לעכט, איז זוכה געראַטעוועט צו ווערן דערפון, מיט'ן כח פון חנוכה און דעם כח פון שבת[לה].

**מיר** זענען מתפלל, הרחמן הוא יעשה לנו ניסים כמו שעשה לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, "באורך נראה אור", און מיר בעהטן, "אור חדש על ציון תאיר, ונזכה כולנו יחד במהרה לאורו", במהרה בימינו, אמן.

---

**לה.** זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז דאָס אַלעס ווענדט זיך ווי אַזוי עס זעהט אויס די הכנה וואָס דער מענטש מאַכט לכבוד שבת חנוכה.

אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו פאָרן אויף שבת חנוכה, וואָס איז דאַן אויך אויסגעפאַלן ראש חודש, צו הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע (זון פון הרה"ק רבי אהרן הגדול פון קארלין, און פאָטער פונעם 'בית אהרן' זי"ע). שבת נאָכמיטאָג, ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלייגט אויף אַ באַנק אין בית המדרש צו כאַפּן אַ דרימל, האָט ער יעדע פאָר מינוט, זיך אויפגעוועקט און געזאָגט מיט התרגשות: 'אָה, שבת, שבת!, און האָט ווייטער איינגעדרימעלט. נאָך עטליכע מינוט, האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט, און ווידער אויסגערופן: אָה, שבת חנוכה!". נאָך עטליכע מינוט, האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט און אויסגעשריגן: 'אָה, שבת ראש חודש!".

דער 'בית אהרן', וועלכער איז דאַן געווען אַ יונג קינד, האָט מיטגעהאַלטן דעם מעמד פון דעם חסיד, ווי ער איז בדביקות אפילו ווען ער שלאָפט, און ער איז געגאַנגען רופן זיין טאַטן, דעם רבי'ן, הרה"ק רבי אשר זי"ע, ער זאָל קומען זעהן ווי דער חסיד שלאָפט. ווען רבי אשר איז אַריינגעקומען און געזעהן דעם חסיד שלאָפן, האָט ער זיך אָנגערופן:

- אוי, שלאָפט ער ווי אַ יוד!...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַזוי דאַרף טאַקע אַ איד שלאָפן פאַר'ן באַשעפער, מ'זאָל געדענקען פונעם שבת, פון חנוכה, און פון ראש חודש.